
צונויפגעזאַמעלט אין איין לאַגעל אַרײַן
דורך
יהודה עלזעט
מ. לוין

דאָס גראַנדיעזע יודישע
פאָלקס-בוך.

דער וואונדער=אוצר פון דער יודישער שפּראַך

צעהנדליגער טויזענדער פון יודישע פאָלקסטימליכע רעדענסאַרטען, שפּריכווערטער, גלייכווערטלעך און אַנעקדאָטען.

נעזאַמעלט און דערקלערט דורך **יהודה עלזעט.**

ביז יעצט ערשינען :

- דאָס דאַווגען,
- מלאָכות און בעלי=מלאָכות,
- יודישע מאכלים,
- דער מענשליכער קערפּער,

ווער עס לעזט נישט די דאָזיגע ווערק, דער קאָן נישט קענען די יודישע שפּראַך און די יודישע אייגענאַרט, דאָס יודישע=אינטימע לעבען און די יודישע אַרט-דענקען. „דער וואונדער=אוצר" לעזט זיך לייכט, פּשוט—שפּאַנענד. די פאָלקס=חכמה ענטציקט דעם לעזער, ער אַמוזירט זיך, ער שמייכעלט גאַנץ אָפט פון צופרידענהייט און דערביי בעקומט ער אויך דרך אגב אַ גאַנצען אוצר פון וויסען.

דער לאָזונג פון'ם מחבר איז געוועזען :

דערקענען די שפּראַך פון'ם פאָלק,
און דערקענען דורך די שפּראַך דאָס פאָלק.

בּיאַליק'ס טרעהרען

✿ צוזאַמענגעזאַמעלט ✿

אין איין לאָגעל אַריין

דורך

יהודה עלזעט.

Drukarnia Lewin-Epstein Pawia 38.

אי למה, לבי, תדוה כה?
מי הטיל בחדריך צל
אפלת־עד והשבת־אל?
מדוע אתה זעף, סר —
יש מרחביה — ולך הוא צר.
הלאות יגע לך בגבור
המאפליה את האור?...

(,,בערוב היום")



ניִשט פאַר מח-מענשען, וואָס ווילען דעם דיִכטער פערשטעהן על-פי-שכל,
איִז דער דאָזיִגער שטודיום בעשטיִמט:

קייִנמאָל וועט מען ניִשט „פערשטעהן" דאָס, וואָס מען דאַרף צו „פיִהלען".

איך וויִנש מיִר, אַז מייַן אַרבייִט זאָל אָנטרעפען אויף מענשען, וואָס זענען, ווי אונזער דיִכטער, „געשטראָפט פון גאָט מיִט הארץ"... 1)

אפשר וועט אַזוי-אַרום מקוים ווערען אויך דעם דיִכטער'ס וואונש, אַז זייַן נשמה, ווען זי וועט זיך אויסגיִסען איִן אַ פעריִל-טרעהר, זאָל ציִטערן, שיִמעריִרען דורות-לאַנג נאָך איִהם, איִן אַ פרעמדענס האַרצען... 2)

— — — — — — — — — — — —

זאָל זיך אויך קייִנער ניִשט טועה זייַן און מייִנען, אַז ביאַליִק איִז ניִשט מעהר ווי אַ וויינער.

מען דאַרף געדענקען, אַז זייַן נשמה, וואָס האָט, אמת טאַקע, צייַטען-לאַנג געוואוינט איִן אַ טרעהר, האָט אויך אַ געוויִסע צייַט זיך אויפגעהאַלטען אויף אַ זונען-שטראַהל און אויף איִהם געריִטען, זוכען טוי-פערלעך אויף די גרעזער... 3)

ניִשט תמיד וויינט ביאַליִק. ער זיִנגט אַמאָל אויך אַ „פרעהליִכס", ווען ער רופט:

„העכער, העכער הויבט דעם בעכער,
חי - **געלעבט!** און חי — געקוועלט!
אויף **צופוקען** די שונאים,
אויף **צו-להכעיס** גאָר דער וועלט!"

אמת, אַ קלאָג צו דעם דאָזיִגען פרעהליִכען ליִעד און ווילדען טאַנץ: דאָ זיִנגט מען און מען טאַנצט ניִשט בייַ אַ בעכער שאַמפּאַניער, חלילה, דאָס איִז אַ ספּעציִפיִש-יודיִש „פרעהליִכס", איִבער אַ כוס מיִט גריִנער גאַל. דאָך, גלויב איִך, אַז דאָס ליִעד איִז איינ-און-איינציִג איִן אונזער ליִטעראַטור מיִט זייַן ווילדען, הייִסען, קאָכעדיִגען, ברויזענדען טעמפּעראַמענט.

יעדענפאַלס: איִך גיִב נגר איין וויִנקעלע פון דיִכטער'ס נשמה, זאָלען אַנדערע זי בעלויכטען פון אַנדערע זייַטען. מיִר איִז דאָס וויִנען עפּיִס נעהנטער געווען, ווי דאָס לאַכען.

— — — — — — — — — — — —

1) זעה „דאָס לעצטע וואָרט". 2) „כ'וואָלט געוועזן אַ בעלן וויינען"
3) „ואם ישאל המלאך".

ביאַליק'ס איבערלעבונגען און שטימונגען זענען אין דאָזיגען שטודיום געשילדערט בלויז לויט זיינע שירים.

וויפיעל איז אָבער אין זיי דאָ דיכטונג און וויפיעל וואָהרהייט? — דאָס איז אַ זאַך, וואָס עס דאַרף פאָרשען זיין ביאָגראַף. אונז האָט דאָס נישט געדאַרפט אינטערעסירען:

ביי אַזעלכע נשמות ווי ביאַליק — איז דיכטונג אויך וואָהרהייט. און אפשר ווירקט אויפ'ן דיכטער און קינסטלער די דיכטונג נאָך מעכטיגער און נאָך שטאַרקער, ווי די ווירקליכקייט.

— — — — — — — — — — —

ציליעב גאַנצקייט מאַך איך דאָ אויפמערקזאַם אויף נאָך צוויי שירים אב", אין זאַמעל-בוך „תלפיות" פון יאָהר תרנ"ה. אין די שפּעטערע ביאַליק'ס: 1) „רמעה נאמנה" אין „תושיה"-אויסגאַבע ז. 89 און 2) „רמעות זאַמלונגען זענען די צוויי שירים נישט אַריינגעגאַנגען און אויך איך בין זיי פאַרביינגעגאַנגען.







I.

יעדע פּאָר בלעטלעך בײַ ביאַליק׳ן, יעדעס צווייטע, דריטע ליד — אַלץ טרעהרען, טרעהרען, טרעהרען!

און וויינט דער דיכטער נישט, רעדט ער האָטש וועגען טרעהרען!

אַ בעזונדערן גענוס, אַ בעזונדערן תענוג און פערגניגען האָט ביאַליק, ווען ער דערמאָהנט די ווערטער „טרעהר, געוויין". עפּיס קלינגט עס פּאַר זיין אויער מאָדנע הײמיש, מאָדנע האַרציג!

עס איז אָבער נישט קיין וואולגאַר געוויין, דאָס זענען נישט קיין וואָלוועלע, וואָכעדיגע טרעהרען! „יעדע טרעהר אין איהר צייט — מיט חבלי לידה, מיט צייהן-קריצונג האָב איך פון מיין אויג אַרויסבעקומען... טעג און חדשים האָב איך זי אין מיין האַרצען מיט מיין וואונד אויסגעוואַרימט, ביז זי איז קרישטאָל-קלאָר געוואָרען" —

כָּל טִפָּה בְּשַׁעְתָּהּ בְּצִירֵי יוֹלֵדָה\
וּבְלַחַץ שִׁנַּיִם מֵעֵינַי עִצַּבְתִּי.

— — — — — — — —

וְיָמִים וִירָחִים בִּלְבָבִי יִחֲמַתִּי\
עִם פִּצְעֵי הַדִּמְעָה הַזֹּאת עַד נִצְרָפָה.

(„לא תמח בטהרה")

ביאַליק רעדט גאַנץ אָפט וועגען טרעהרען, וועגען געוויין; ווילענדיג און נישט-ווילענדיג, מוז ער וועגען זיי רייִדען, על כל פנים — דערמאָהנען...

ער פּרואוּוט אָבער נישט מיט זיי, ער פּרעזענטירט נישט מיט זיי, ביי איהם איז בעזונדערס הייליג און ווערטפול די „דערשטיקטע", „בעהאַלטענע", „נישט-אויסגעווײנטע" טרעהר און דאָס שטילע, שטילע געוויין.

און ער דערמאָהנט וועגען זיי אַזוי ואכט, אַזוי שטיל, אַזוי ווי עס פּאַרמירט
זיך האַכט און שטיל די טוי-טרעהר פריהמאָרגענס אויף דער רויז.
הייליג, הייליג איז די טרעהר ביים דיכטער, קודש קדשים!
וְעַד אֱלֹהִים מַה נֶּאֱמָנָה דִמְעָתִי! [1]

„און נאָך איז מיין עדות, ווי אויפריכטיג ס׳איז מיין טרעהר!"
צו דער, וואָס איז „צו-ריין צו זיין זיין פריינדין, צו-הייליג — מיט איהם צו
ויצען", שרייבט דער דיכטער:

„שיין מיר און די זונען-שטראַהלען,
ווינק צו מיר פון הימעלס-שטערען,
רוף צו מיר פון מיין האַרצ׳ס דופק,
ציטער אין מיין טרעהר׳ס אַ טראָפּען" —

זָרְחִי לִי בְּאוֹר הַחַמָּה·
רִמְזִי לִי מִכּוֹכַב מָרוֹם·
קִרְאִי לִי מֵהַלְמוּת לִבִּי
וּבִרְסִיס דִּמְעָתִי רְעָדִי...

(„מכתב קטן", „זי האָט מיר געשיקט אַ בריוועלע")

און ווען אַלס קרבן איהר בריינגט דער דיכטער דאָס טייערסטע און
הייליגסטע, שרייבט ער:

„מיינע טרערען, מיינע זיפצען...
אויך דעם לעצטען חלום מיינעם
וועל איך בריינגען דיר אַלס אָפּפער" =
דִּמְעַת לֵילִי· רֹאשׁ אַנְחוֹתַי·
הֲלֹם לִבִּי· נִשְׁמַת אַפִּי·
גַּם הָאַחֲרוֹן בַּחֲלוֹמוֹתַי —
אֵלֶּה יִהְיוּ קָרְבְּנוֹתַי....

עס ציטערט גור אַזוי אינגאַנצען דעם דיכטער׳ס נשמה, אַרויסריידענדיג די

---

1) דאָרט.

וואָרטער „דמעה מזהירה“, „אַ קלאָר-גלאַנצענדיגע טרעהר“. 1)

בעזונדערס ליעב, געשעצט און געהייליגט איז פאַר ביאַליק'ן אַ קינדער-טרעהר און דער אָבגלאַנץ פון אַ ליכט-שטראַהל אין אַ טרעהר. 2)

דער דיכטער, וואָס זינגט מיט אַזוי פיעל פּאַטאָס, מיט אַזוי פיעל בעגייס-טערונג, וועגען זומער, ליכט און זון, וועגען פויגעל, פעלדער און וועלדער — פון וואַנען נעהמען זיך צו איהם אַזוי פיעל טרעהרען, פון וואַנען נעהמט זיך צו איהם אַזאַ אָפּט געוויין?

— דער דיכטער פון „צער און צאָרן“ — וועט איהר אפשר זאָגען!

אויב אַזוי, קענט איהר גישט דעם דיכטער!

ביים אמת'ן צער, ביים אמת'ן צאָרן בלייבט „טרוקען ווי אַ שטיין אין מדבר זיין אויג“. 3)

אונזער דיכטער איז

„פון נאַט מיט מוטה בעשמיעדט,
וואָס רייסט-אויס בערג און ווערט נישט מיעד,
וואָס לאָזט דעם רוקען זיך נישט בויגען
און קוקט דעם בייז גלייך אין די אויגען“ 4)

וואונדערט אייך אָבער פאַרט נישט אויף דער טרעהר, וואָס פילט-אָן דעם דיכטער'ס אויג און זוכט נור אַ געלעגענהייט אַרויסצורינען...

דער דיכטער דערצעהלט אונז וועגען זיין זיידע, פון וואַנען ער נעהמט זיך צו איהם, דרך-אַגב דערוויסען מיר זיך אויך וועגען זיין הייליגער טרעהר.

פאַרטאָג האָט דער דיכטער אין זיינע קינדער-יאָהרען ערוואַכט אין זיין וויעגעל אַמאָל אין אַ פינסטערן חדר, דורך דער אָפענער טהיר האָט ער בעמערקט זיין מוטער די אַלמנה, ווי ביי אַ קליין פלעמעלע קנעט זי מיט איהרע דאַרע הענד דאָס ברויט פאַר איהרע זיעבען יתומים'לעך.

---

1) זעה „פעמי אביב“, „ואם ישאל המלאך“, „משומרים לבקר“.
2) זעה „צפרירים“, „ואם ישאל“, „משומרים לבקר“, „אכן גם זה מוסר אלהים“ און „נטף נטפה הדמעה“.
3) „אין דער שחיטה-שטאָדט“.
4) „דאָס לעצטע וואָרט“.

שטילע קרעכצען, שטילע זיפצען האָבען זײנע קלײנע אויערלעך האָן פערנומען. „און ס'האַרץ זאָגט מיר, און איך ווײס עס, אַז אין דעם טײַך האָט אַרײַנגעטריפט אַ טרער״ —

וּלְבָבִי לִי אוֹמֵר וְיוֹדֵעַ הִנֵּנִי

כִּי נָטְפָה לַבָּצֵק גַּם דִּמְעַת עֵינֶיהָ.

(„שירתי״.) —

פרויט, געקנעטען מיט מוטער-טרעהרען, האָט אונזער דיכטער אין זײַן פריהעסטער יוגענד געגעסען!

אַזעלכע טרעהרען ווערען קײנמאָל, קײנמאָל נישט פערדײַט, אַזוינע טרעהרען ווערען אויך קײנמאָל נישט אויסגעטריקענט, קײנמאָל נישט פערגעסען!

אויך דאָס גאַנצע לעבען אַרום דעם דיכטער — דעם יודישען נאַציאָנאַלען דיכטער — רופט תמיד נור צו טרעהרען.

באַלד אין זײַן ערשטען שיר „אל הצפור״ זאָגט דער דיכטער: „צו דײַן באַרג, אין דײַן מדבר, פויגעלע, אַנטלויף! אַ נס דיר, וואָס מײַן נעצעלט האָסטו פערלאָזען; וואָלסטו מיט מיר טאַקע פערבליבען — אויך דו, אויך דו, לוסטיג פויגעלע, וואָלסט דאַן ביטער, ביטער אויף מײַן גורל געווײנט״ —

נוּדִי, צִפּוֹרִי, אֶל הָרֵךְ, מִדְבָּרֵךְ!

אָשַׁרְתְּ, כִּי עָזַבְתְּ אֶת אָהֳלִי;

לוּ עִמִּי שָׁכַנְתְּ, אָז גַּם אַתְּ, כְּנַף רְנָנִים,

בָּכִית, מַר בָּכִית לְגוֹרָלִי.

(„אל הצפור״)

עס שײַנט, אַז נאָך דעם אַלעם געזאָגטען האָבען מיר זיך גאָרנישט צו וואונדערן, ווען מיר עפענען-אויף די זאַמלונג פון ביאַליק'ס ליעדער אין יודיש און די ערשטע ווערטער, וואָס זענען אונז מקבל-פנים, זענען:

„גלוסט זיך מיר ווײנען געשמאַקער פון האַרצען...״



II.

ווען אין איהרע אלמנה'שע קליידער בעקענט זיך די מוזע צום דיכטער, באלד אין איהרע ערשטע ווערטער, זאגט זי צו איהם: — „יתום'ל מיינס! יתום'ל מיינס!... זיי וויסען, אז א פערשלאסענע טרעהר ברענט טיעף ביז'ן אבגרונד און א בעצווינגט געוויין קריכט און שפאלט ביז'ן הימעל"... און „צוויי קאכעדיגע, זודיגע טרעהרען זענען פון איהרע אויגען אויפ'ן דיכטער'ס מויל געפאלען" און ביי דעם אלעם „האט זי נישט געוויינט, נישט געליארימט, שטיל ווי א שעפעלע איז זי געשטאנען" —

„יְתוֹמִי — לָחֲשָׁה־לִי — יְתוֹמִי! נִשְׁכָּח בַּגָּלְמָה,
כְּצֶמַח רַךְ בַּכָּךְ, בִּדְמִי־יְגוֹנְךָ תִּתְיַגֵּעַ;
אַךְ דַּע־לְךָ, כִּי דִמְעָה כְלוּאָה תֵּיקַד עַד שְׁאוֹל מָטָּה,
וּבְכִי מִתְאַפֵּק עַד שָׁמַיִם עוֹלֶה וּבוֹקֵעַ".

— — — — — — — — — —

בִּדְמָמָה
שְׁנֵי רְסִיסֵי דִמְעָה רוֹתְחִים קְדַחֵי־אֵשׁ עַל פִּי נָפָלוּ.
לֹא בָכְתָה, לֹא הֵרִימָה קוֹל; — כְּרָחֵל נֶאֱלָמָה
נִצָּבָה, כְּמוֹ עָלַי הֲמוֹן רַחֲמֶיהָ הִתְגַּלְגָּלוּ.*)

איהר דעמאלדיגען פינסטערן, ביטערן בליק קאן דער דיכטער קיינמאל, קיינמאל נישט פערגעסען; אומעטום זעהט ער איהר טרויעריג געזיכט, און „זי וויינט פאר איהם שטיל, נאר אליין קאכט און ברויזט אין איהם אויף" —

וּמַבָּט כְּדֵר כֻּלּוֹ אֹמֶר אַלְמֹן, מְרִירוּת, שְׁכוֹל
וְחַסְדֵי אֵם חֹמֶלֶת שִׁלְחָה, וּבִבְכִי נֶגַע —

*) וועגען דעם כח פון אן'איינגעשלאסענער טרעהר זעה נאך „לא תמח" אין שחיטה־שטאדט" „גלוסט זיך מיר וויינען", זעה אויךוויטער קאפיטעל V.

וּלְעוֹלְמֵי-עַד לֹא אֶשְׁכַּח אֶת מַכָּבְהָ, וּבְכָל
פָּנֶיהָ הָעֲצוּבִים אֶרְאֶה, לֹא יַרְפּוּנִי רֶגַע.

— — — — — — — — — —

בְּיַרְכָּתַיִם תֵּשֶׁב אֵם,
בְּדְמָמָה תֵּאָנַח
וּלְנֶגְדִּי חֶרֶשׁ חֶרֶשׁ תֵּבְךְּ,
כָּל קְרָבַי תְּרַתֵּחַ.

און נאָכדעם, ווי זי נעהט פאַר איהם פאַרביי אין אַ וועבעכץ פון נאַכט-חלומות, („עַל פְּנֵי כַּסֶּכָה חֲלוּמוֹת לֵיל") חאַפּט זיך מיט אַ ביטער האַרץ און צובראָכען געמיט דער דיכטער אויף, און דער גאַנצער צער, דער גאַנצער וועהטאָג פון זיין נשמה וואַכען אין איהם אויף „און גיסען זיך אויס פון האַרצען מיט אַ טרעהר" —

וְכָל הַמַּדְוֶה, כָּל הַכְּאֵב,
הַצְּרוּרִים בְּנִשְׁמָתִי,
יָקִיצוּ עִמִּי, וּמִכֵּב
יִשְׁתַּפְּכוּ בְּדִמְעָתִי.

(„ביום סתו בקרן חשכה"...)

אַזוֹי דערצעהלט אונז דער דיכטער וועגען זיין בעקענען זיך מיט זיין מוזע. נישט אָבער בלויז די מוזע זעהט ער וויינען און נישט נור בלויז דער מוזע'ס טרעהרען זעהט ער און 'פיהלט ער אויף זיין געזיכט, אויך די שכינה, ווען אַלע איהרע קינדער אַנטלויפען פון איהר און לאָזען זי איבער אין אַ וויסט, פינסטער בית-המדרש-ווינקעלע אַליין מיט'ן יונגיטשקען דיכטער, און איהם ווערט ענדליך אויך איינג, דושנע אונטער איהרע צובראָכענע 'פליגעל און אויך ער בעקומט דזשק צום פענסטער, צום ליכט, דאַן לאָזט אויך די עלענדע שכינה, נעביך, אַ טרעהר אויף זיין גמרא, און וויינט שטיל, שטיל איבער איהם... און „ווי אַ סיום פון אַן'אַלטער קינה, ווי אַ תפלה, אַ בקשה און אַ ציטערניש צוזאַמען, הערט דער דיכטער אין דעם שטילען געוויין און אין דער הייסער, הייסער טרעהר"

וּכְשֶׁכָּלָה לְבָבִי לַחַלּוֹן, לָאוּו,
וּכְשֶׁצַּר לִי הַמָּקוֹם מִתַּחַת לְכְנָפָהּ —
כָּבְשָׁה רֹאשָׁהּ בִּכְתֵפִי, וְדִמְעָתָהּ עַל דַּף
גְּמָרָתִי נָטְפָה...
חֶרֶשׁ בָּכְתָה עָלַי וַתִּתְרַפֵּק עָלַי

— — — — — — — — —

וּכְעֵין סִיּוּם שֶׁל קִינָה עַתִּיקָה מְאֹד,
וּכְעֵין תְּפִלָּה. בַּקָּשָׁה וַחֲרָדָה כְּאַחַת,
שָׁמְעָה אָזְנִי בַּבְּכִיָּה הַחֲרִישִׁית הַהִיא
וּבַדִּמְעָה הַהִיא הָרוֹתַחַת...
(„לבדי“)

און אויסער דער טרעהר פון דער שכינה האָט נאָך אַ טרעהר זיין גמרא בענעצט; אַ טרעהר, וואָס האָט ענטהאַלטען די גשמה, די גאַנצע נשמה פון דיכטער.

מעשה שהיה כך היה:

אין אַ שטילער מיטאָגס-צייט פון אַ שטילען זומער-טאָג האָט דער דיכטער, אַלס שפּיעלענדיג דאָרפס-קינד, דערזעהן די בת-יחידה פוג'ם בלויען הימעל: אַ קליין חייס וואָלקענדעל, און זיין נשמה איז פון איהם אַרויס, אַרויף צום קלאָרען קליינעם וואָלקענדעל...

מיט גרויס רחמנות האָט אַ זונען-שטראַהל אויפגעחאַפּט דאָס אונשולדיגע נשמה'לע און אַ לאַנגע צייט דערמיט געשפּיעלט זיך, ווי מיט אַ ווייס זומער-פויגעלע.

אַמאָל איז דאָס נשמה'לע אויפ'ן שטראַהל געריטען, כדי צו זוכען אַ טוי-פערעלע אויף די גרעזער, און אַ קלאָר אונשולדיג טרעהרעלע האָט דעמאָלס פונקט אויפ'ן דיכטער'ס באַק געציטערט, — דער שטראַהל האָט אַ ציטער געטהון און אַראָב איז פון איהם דאָס נשמה'לע און — אַריין אין דער טרעהר!...

יאָ! ווען מען האָט טרעהרען אויפ'ן געזיכט, קאָן די גשמה נישט רייטען מעהר אויף זונען-שטראַהלען!...

און אָט די טרעהר, די טרעהר מיט זיין נשמה האָט דער דיכטער געלאָזט

פאַלען אויף דער אַלטער, אַלטער גמרא פון זיין זיידען... דאָרט האָט זיין נשמה ציטען-לאַנג געצאַפּעלט און געזונגען... דאָס יודישע צובראָכענע געמיט קאָן נישט אין דער נאַטור, נאָר אין דער אַלטער גמרא טרייסט און האָפנונג געפינען, דאָרט שטאַרבט זיין נשמה נישט אָב, נאָר לעבט און זינגט —

„את נִשְׁמָתִי הִצִּילָה קֶרֶן פָּז רַחֲמָנִיָּה,
וְעַל כַּנְפֵי הַזֹּהַר יָמִים רַבִּים פִּזְזָה
כִּצִפֹּרֶת לְבָנָה;
פַּעַם רָכְבָה כַבֹּקֶר עַל־גַּב קֶרֶן הַזָּהָב,
הָלוֹךְ הָלְכָה לְבַקֵּשׁ פְּנִינַת טַל בֵּין הַדְּשָׁאִים,
וְדִמְעָה זַכָּה וְתַמָּה אָז עַל לֶחְיִי רָעֲדָה,
וַתִּזְדַּעְזַע הַקֶּרֶן וְנִשְׁמָתִי צָנְחָה—
וַתִּשְׁתַּקַּע כַּדִּמְעָה...“
— וַתִּיבָשׁ? —
„לֹא, כִּי נָשְׁרָה עַל דַּף־גְּמָרָא קְדוֹשָׁה...
וּבַגְּמָרָא הַזֹּאת, כִּמְעֵי אוֹתִיּוֹת מֵתוֹת
בָּדָד פִּרְפְּרָה נִשְׁמָתִי...“
— וַתֵּחָנֵק? —
„לֹא, פִּרְפְּרָה וַתְּשׁוֹרֵר, מַלְאָכִי!“

— — — — — — — — —

(„ואם ישאל המלאך“)

שטיל ווייַנט דעם דיכטער׳ס מוזע, שטיל ווייַנט איבער איהם די שכינה, שטיל! קיינער הערט נישט זייער געוויין, קיינער זעהט נישט זייערע טרעהרען, בלויז דער דיכטער, וואָס זיין נשמה האָט זיך ציטען-לאַנג איינגאַנצען אויפגעהאַלטען אין אַ טרעהר — נור ער זעהט, נור ער הערט, נור ער פערשטעהט.

דער דיכטער דערמאָהנט, זוי ס׳איז שוין אָנגעוויזען געוואָרען, גאַנץ אָפט „אַן איינגעהאַלטענע טרעהר“, „אַ שטיל געוויין“ — ווייל איבעראל איז קיינער

ניִשט אַזאַ מבין אויפ׳ן וועלט-שמערץ, אויפ׳ן „צער העולם״, ווי אונזער דיכטער; און דאָרט, וואו קיינער זעהט גאָרנישט און הערט גאָרניִשט, זעהט ביאַליק איינגעהאַלטענע, פערשטיִקטע טרעהרען און הערט אַ שטיל, שטיל געוויין 1).

טרעהרען, טרעהרען, טרעהרען—דאָס איז דאָס גאַנצע לעבען פונ׳ם דיכטער.

שוין גאָר אין די קינדער־יאָהרען, ווען דער פאָטער האָט נאָך געלעבט, איז גאַנץ אָפט פערקלעמט געוואָרען דאָס יונגע הערצעל און אַ פערהאַלטען, פערשטיקט געוויין האָט דעם דיכטער געוואָרגען אין האַלז. און נור די גריל, דער משורר פון דלות, איז דעמאָלט געקומען און אַ ביסעל פערזוונגען דאָס אָרימע קינד.

און אויך פריי־טאָג-צו-נאַכטס, ווען אין יעדער יודישער שטוב איז פרעהליך און ליכטיג: וויין און חלות, פיש און פלייש, איז אין יענעם הויז, פון דיכטער׳ס פאָטער, קיין זכר פון דעם אַלעם ניִשט געווען... „ווי פערשעמטע און בע׳גזל׳טע האָט מען דאָס שטיקעל שוואַרצע, ניִשט בע׳טעמ׳טע ברויט מיט זאַלץ און טרעהרען געקייט... אין אַלע ווינקעלעך וויסט... אַנ׳איינגעהאַלטענע טרעהר״ —

הַפְּרוּסָה הַחֲמוּצָה, הַפְּגוּמָה, הַתְּפֵלָה,
נַעֲקָעֲנָה בִּדְמָעוֹת כַּעֲלוּבִים וּנְזוּלִים...
בְּשָׁלֵט בְּבֵית אָבִי דְּמִי קַדְרוּת גְּדוֹלָה...
זֹה עָקַת הַדַּחֲקוּת, דְּמִי דַלּוּת מְנֻוֶּלֶת, ...
זָוִיּוֹת שׁוֹמֵמוֹת, דִּמְעָה נֶעֱצֶרֶת...

און ווען שפּעטער איז נאָך דער פאָטער אויך געשטאָרבען, איז דאָס לעבען נאָך פינסטערער, נאָך וויסטער געוואָרען, אַז „אויך די ווענד האָבען שטיל געוויינט״ —

גַּם כָּתְלֵי הַבַּיִת כְּמוֹ בּוֹכִים בִּדְמָמָה
וּבְזַעַף וּבְחֶמְלָה כָּל זָוִית הֶחֱרִישָׁה...
(„שירתי״)

עד כאן די קינדהייט. אָבער אויך די גאַנצע יוגענד־צייט פונ׳ם דיכטער איז ניִשט בעסער:

---

1) זעה די פאָררעדע פון בעל־מחשבות צו ביאַליק׳ס „פּאָעזיע״ אין

עֶס ווייַנט אונזער יונגער דיכטער, און נישטאָ די האַנד, וואָס זאָל אָבווישען פון פּנים די טרעהר. און פול ביז'ן ברעג איז זיין טרעהרען־בעכער.

און אַז ער פערלאָזט דער מוטער'ס הויז, געהט אַוועק אין דער פרעמד און וואַלגערט זיך אין ישיבות, איז ווייטער דאָס אייגענע: ס'פאַלען, ס'גיסען זיך ווייטער דעם דיכטער'ס טרעהרען – און ווייטער נישטאָ קיין האַנד, וואָס זאָל זיי מיט מיטלייד אָבווישען.

פול ווי אַנ'אויג פיהרט ער מיט זיך איבעראַל דעם טרעהרען־בעכער, און אויפ'ן וועג ווערט פון איהם קיין קאַפּ נישט געמינערט. און טריקענט שוין אויס אַ טראָפּען, פאַלט גלייך אַ צווייטע, אַ פרישע אין איהם אַריין –

וְגַם דְּמָעוֹת עֵינַי בַּנֵּכָר הוֹרַדְתִּי –
אֶל נאֹדֵךְ נָפָלוּ, עֲרִישַׂת מוֹלַדְתִּי!...
וּבְאֶרֶץ מֶרְחַקִּים – גַּם שָׁם לא מָצָאתִי
יַד חֶסֶד שֶׁתִּמַּח מִפָּנַי דִּמְעָתִי.
וּמְלֵאָה כְּיוֹם הוֹצֵאתִיהָ, הֲבֵאתִי
אֶת כּוֹס הַתַּרְעֵלָה עִמָּדִי אֶל בֵּיתִי...
אַף נֵטֶף מַר אֶחָד לֹא נִגְרַע מִכּוֹסֵךְ –
אֵל אָסֵף אֶת שְׁלוֹמֵךְ, אֵי שָׁבַח חַנּוֹתֵךְ...

ענדליך פערליערט נאָר דער דיכטער די האָפנונג אויף בעסערע, גליקליכערע צייטען אין דער נאָהגטער צוקונפט, און מיט אַ פערביטערט האַרץ רופט ער אויס: „ווער ווייסט, וויפיעל טרעהרען וועלען זיך נאָך גיסען, גיסען – ביז עפּיס אַ בעסער ווינטעל וועט בלאָזען און פערטרייבען די שוואַרצע וואָלקענס, העט, אין ווייטען מדבר אַריין!" –

מִי יֵדַע הַדְּמָעוֹת שֶׁעוֹד תִּשָּׁפַכְנָה,
הַסּוּפוֹת שֶׁעוֹד עַל רֹאשֵׁנוּ תָּנַחְנָה, –
עַד פְּרֹץ רוּחַ טוֹבָה, חֲזָקָה, נֶאְדָּרָה
שֶׁתּוּכַל לִתְקֹעַ הֶעָב הַמִּדְבָּרָה...

טרעהרען ווערען דעם דיכטער'ס טאָג־ברויט, ער בענקט נאָך זיי, ער יואַרט

נור אויף דער געלעגענהייט, אַ ביסעל דאָס האַרץ זיך אָפּצעהיינען.

ווען ער קומט צוריק אַהיים, אין די ערטער, וואו ער האָט פערבראַכט זיינע קינדער-יאָהרען, און מיט אויסטערלישער התפּעלות פּאַלט ער צו צו די מקומות, וואָס ער האָט אַזוי געבענקט נאָך זיי, ווערען מיר ערשטוינט, געוואָהר ווערענדיג, אַז נישט צו פרעהען זיך מיט זיי האָט ער געבענקט. נאָר אָט זענען די ווערטער זיינע, וואָס זענען פאַר איהם אַזוי כאַראַקטעריסטיש: „און ווידער זענען פאַר מיר די טייערע ערטער און ליעבע בילדער, וואָס מיינע אויגען האָבען אַזוי געגלוסט אָנצוזעטיגען זיי מיט טהערען, און מיין נשמה האָט אַזוי גע'חלש'ט צו וויינען איבער זיי!... פון אַלע זיינע טרייסטען האָט גאָט נור צוויי מיר איבערגעלאָזען: טרויעריגע זכרונות און טרעהרען פון די אויגען!" —

וְשֵׁנִית לִפְנֵי הַמְּקוֹמוֹת הַחֲבִיבִים,
הַקְּרוֹבִים אֶל לִבִּי וּלְבָבִי מַעֲצִיבִים;
וְשֵׁנִית הַתְּמוּנוֹת הַנְּעִימוֹת לִקְרָאתִי,
שֶׁכּה כָּלְתָה עֵינִי רַוֹּתָן דִּמְעָתִי,
שֶׁכֹּה צָמְאָה נַפְשִׁי לִבְכּוֹת עַל צַוָּארָן,
לְחַבְּקָן וּלְנַשְּׁקָן וּלְחוֹנֵן עֲפָרָן...
מִכָּל תַּנְחֻמוֹתָיו אֵל הוֹתִיר לִי שְׁתַּיִם:
זִכְרוֹנוֹת מַדְאִיבִים עִם דִּמְעוֹת עֵינָיִם...

(„משוט במרחקים").

און נישט קיין וואונדער באמת, וואָס דער דיכטער בענקט אַזוי נאָך טרעהרען. נאָך די טרעהרען ווערט איהם לייכטער, גרינגער.

מיר האָבען שוין געזעהן, ווי נאָך אַ נאַכט-ראַנדעוואו מיט זיין טרויעריגער מוזע, ווען עס ערוואַכט דער וועהטאָג פון זיין נשמה, גיסט ער איהם אוים פון האַרצען מיט אַ טרעהר. 1)

דאָסזעלבע אויך, ווען דער דיכטער האָפּט אויפ'ן פריהלינג, אַז דער פריהלינגס-ווינד וועט איהם „ברייננגען אַ נייע יוגענד און אויפפרישען מיט הייסע בלומען די אַלטע חלומות", האָפּט ער אויך, אַז מיט קלאָרע, ריינע טרעהרען

1) זעה „באַם סתו".

וועט זיך איהם איינגעבען „דעם שווארצען יאוש און פינסטערע פערצווייפלונג פון הארץ ארויסצושרייענקען" 1). אויך דעם פריהלינג מיט זיין פרייד זעהט ער נישט אנדערש, ווי מיט טרעהרען —

עוֹד מְעַט וְהִשְׁתַּפְּכוּ בִּפְרָחִים לְבָנִים
גַּם נְעוּרַי הַחֲדָשִׁים וַחֲלוֹמוֹתַי הַיְשָׁנִים,
כִּי גַם בָּם נָשְׁבָה רוּחַ הָאָבִיב.
וּמִלְּבָבִי הַמָּלֵא כָּל הֶגְיוֹנֵי אֲשִׁיחָה,
וּבְדִמְעוֹת מַזְהִירוֹת שְׁחוֹר יֵאוּשִׁי אֲדִיחָה—
הָיְתָה רוּחַ אַחֶרֶת מִסָּבִיב!..

און ווען דער דיכטער וויל טרייסטען דאס פאלק, ס'זאל זיך נישט צו-פיעל נעהמען צום הארצען דעם ביטערן גורל זיינעם, זאגט ער:

„אפשר וועט נאך גאט אמאל געבען,
איבערגעהן וועלען די פינסטערע צייטען,
אויך אונז וועט אפשר געראטען, ווי לייטען,
בעסערם און שענערם דערלעבען"...

און ווען ער וויל, דאס פאלק זאל א ביסעל פרייער אבעטעמען, א מיטש אבפרישען זיך, רופט ער אויס צום פאלק:

„דורכשלאגען זאלען זיך אייערע טרעהרען,
גרינגער זאל ווערען און פרייער זאל ווערען!" 2)

---

1) „פעטי אביב". פערגלייך מיט'ן פערז פון „הרהורי לילה":
וְלָמָּה, לֵב אֻמְלָל, תְּבַקֵּשׁ לַהֲבַל
מַרְגֹּעַ בַּבֶּכִי, נִחוּמִים בָּאֵבֶל?..

2) „גלוסט זיך מיר וויינען".

III

...שׁוֹנִים הָיוּ הַשִּׁירִים: עַל עָב קְטַנָּה וּבְהִירָה,
עֲלֵי קֶרֶן הַזָּהָב וַעֲלֵי דִמְעָה מַזְהִירָה,
עֲלֵי צִיצִיּוֹת פְּסוּלוֹת וַעֲלֵי מִפּוֹת שֶׁל שַׁעֲוָה —
אַךְ שִׁיר אֶחָד לֹא יָדְעָה (נִשְׁמָתִי) — שִׁיר עֲלוּמִים וְאַהֲבָה.

(„ואם ישאל המלאך")

„איבער פערשידענעם האָב איך געזונגען: איבער א קליין לויטער וויָל-קענדעל, איבער א גאָלדענעם זונען-שטראַהל און גלענצענדער טרעהר, איבער פסול'ע ציציות און טראָפּענס וואַקס; נאָר איין ליעד האָב איך נישט געוואוסט, מיין גשמה האָט עס נישט געקאָנט: א ליעד פון יוגענד און ליעבע" —

אוֹמְרִים, אַהֲבָה יֵשׁ בָּעוֹלָם —
מַה־זֹּאת אַהֲבָה?...

„ס'זאָגט, ס'איז ליעבע אויף דער וועלט דאָ —
וואַס איז ליעבע?... 1).

און וואָס איז ס'וואונדער?! ווי קומט צו איהם ליעבע?
זיינע קינדער-טעג זענען איהם אַריבער, „ווי א הערבסט אָהן ליכט, פער-וואָלקענט און פערבלאָטיגט; אָהן פרייד און אָהן געלעכטער. און ווי א פריהער ווינטער האָט דורכ'ן לופטשיק צו איהם די יוגענד אַריינגעקוקט, און איהר צאָרניג געזיכט האָט איהם פון גאַס געשראָקען" —

כִּסְתָו מְעֻנָּן בְּלִי נְגֹהוֹת, דְּלוּחִים וַעֲכוּרִים,
בְּלִי צְחוֹק, בְּלִי גִיל, יְמֵי יַלְדוּתְךָ הַשְּׁמֵמִים תַּמּוּ
וּכְחֹרֶף מַשְׁכִּים אֶל אֶשְׁנַבְךָ נִשְׁקְפוּ הַנְּעוּרִים,
וּפְנֵיהֶם הַנִּזְעָמִים מִן הָרְחוֹב לְךָ רָעֲמוּ.

(ביום סתו").

1) „הכניסיני", „זײַ א שוין מיר".

ערשט אין אַ צייט אַרום, ווען דעם דיכטער'ס נשמה איז אַוועק פון דער גמרא און האָט גענומען שוועבען איבער דער גרויסער, ברייטער וועלט, האָט זי ערשט גענומען ליידענשאַפטליך קלאַפען אויף די טויערן פון דער ליבע.

אָבער נישט קיין פערגעניגענס און תענוגים האָט אונזער דיכטער דאָ געפונען — נייע קוואַלען טרעהרען, נייע אוצרות פון געוויין עפענען זיך דאָ פאַר איהם!

אין די שטילע, האַלב-פינסטערע, האַלב-ליכטיגע לבנה-נעכט, קלאַפט מיט איהרע פליגעל זיין נשמה אויף די ליעבעס-טויערן: אַ ביסעלע, האָטש אַ קאַפּע-לע, בעט, הגש'ט זי און וויינט שטיל, שטיל —

זּבַלֵּילוֹת הַצְּנוּעִים שֶׁבִּתְחִלַּת כָּל חֹדֶשׁ,
בְּהִתְפַּלֵּל הָעוֹלָם עֲלֵי פְּגִימַת הַלְּבָנָה,
הִיא מִתְרַפְּקָה בִּכְנָפָהּ עֲלֵי שַׁעַר הָאַהֲבָה,
מִתְרַפֶּקֶת, דּוֹפֶקֶת וּבוֹכִיָּה בַּחֲשָׁאי
וּמִתְפַּלְּלָה עַל הָאַהֲבָה..

(„ואם ישאל המלאך")

איצט ווערט ערשט דער דיכטער בעקאַנט מיט שלאָפלאָזע און טרעהרען-פולע נעכט פון ליידענשאַפטליכע בענקשאַפט-יסורים. 1)

— — — — — — — — — — —

דער דיכטער האָט אָבער טרעהרען נישט בלויז פאַר זיך. איהם איז אויך נישט פרעמד פרעמדער צער, פרעמדער וועה:

ביים דיכטער איז שטוב איז ליכטיג און וואַרים; קוים הערט ער אָבער דאָס קלאָגען פונ'ם ווינטער-נאַכט-ווינד, דערמאָהנט ער זיך „די פיין פון אַן אָרימאַן, וואָס נעהט אוים אין גאַס". ער נעהמט דאַן אַרום זיין פריינד, ער דריקט איהם צום האַרצען צו און טרעהרען קייקלען זיך פון ויינע אויגען —

1) זעה: „אַיֵּךְ?", „האו בזזטו? „בין נהר פרת", „מכתב קטן". זעהר אינטערע-סאַנט איז נאָך דאָס אַלץ נעזאָגטע צו פערגלייכען מיט'ן לעבען פון יונגען-מאַן אין „מגלת-האש".

בֵּיתִי קָטָן וָדָל, בְּלִי מַכְלָלִים וּפְאֵר,
אַךְ בּוֹ חַם, מָלֵא אוֹר וּפָתוּחַ לַגֵּר...
וּבְהִשָּׁמַע מִילֵל סוּפַת-לֵיל קוֹל כָּאוֹב,
זָכֹר נִזְכֹּר עֱנוּת רָשׁ גּוֹוֵעַ בָּרְחוֹב,
וּלְחַצְתִּיךָ אֶל לֵב, רֵעִי, אָחִי הַטּוֹב —
וּרְסִים נֶאֱמָן אוֹרִידָה עָלֶיךָ.[1])

נאָך שטאַרקער, נאָך מעכטיגער איז דער צער פונ'ם דיכטער אויפ'ן חורבן פון פאָלק, אויף דער פערוויסטונג פונ'ם לאַנד.

איינאיינעם מיט ר' יהודה הלוי רופט אונזער דיכטער מעכטיג אויס:

„כ'וואָלט זיך איינגעוויקעלט אין דיין זיסען שטויב —
און ביז בלינד וועךען בעוויינט דיין חורבן, ציון! 2)

דאָס האַרץ פונ'ם דיכטער טרויערט, ווערט צושניטען אין איהם אויך אויפ'ן חורבן, אויף דאָס וויסטעניש און עלענדקייט פון דעם אַלטען בית-המדרש, וואָס זיינע קינדער האָבען איהם פערלאָזט און זענען אַוועק, אַוועק פון איהם און זיינע ווענד „טרויערן, וויינען שטיל", ווי די אבלים —

„וְאָבְלָה כָּל פִּנָּה וּבָכְתָה כָּל זָוִית".

ער קלערט אָבער, אַז אפשר איז מעהר צו וויינען אויפ'ן חורבן פון פאָלק, אויפ'ן חורבן פונ'ם יונגען דור, וואָס איז אַרויס פונ'ם בית-המדרש און איז אין לעבענס-קאַמפף בעזיעגט געוואָרען

הָהּ! בְּנֵךְ מְשֻׁלָּח׳ גּוֹזָלַיִךְ נָעוּ נָצוּ,

---

1) „ביום קיץ", זעה אויך „דאָס לעצטע וואָרט":
„איך בין געשטראָפט פון נאָט מיט האַרץ:
איך האָב אַ האַרץ, וואָס קרענקט פאַר יענעם,
וואָס קאָרטשעט זיך פון פרעמדען שמאַרץ
און ווערט פערברענט פון יעדענס גיהנם".
2) „בענקסט אויך נאָך דיינע קינדער".

נָזוּ כַּצֵּל כֻּלָּם בֵּין הָעֵצִים הַגְּבֹהִים...
רַבִּים אֶל רָאשֵׁי הַצּוּרִים נִפָּצוּ
וּבְשָׂדוֹת אֲחֵרִים עוֹד רַבִּים תּוֹעִים;
הֲיָמוּתוּ מוֹת יְשָׁרִים? אוֹ יִמְצְאוּ מְנוּחָה
בְּחַיֵּי נְבָלִים וְעַד יִשְׁכָּחוּךָ?...

„פיעל זענען ווי די שאָטענס פערשוואונדען געוואָרען צווישען די הויכע בוימער, פיעל האָבען די קעפּ זיך אין די פעלזען צושמעטערט און פיעל נאָך בלאָנדזשען אין פרעמדע פעלדער... צי וועלען זיי האָטש שטאַרבען ווי ערהרליכע יודען, אָדער געפינען מנוחה אין אַ נידערטרעכטיג לעבען פון אויסוואורפען?"

וואָלט דער דור געווען שטאַרק און געזונט, וואָלט ווייניג־וואָס געווען צו קלאָגען אויפ'ן חורבן פון בית־המדרש: מען וואָלט אַ נייעם אויסבויען געקאָנט.

אָבער איצט: „איצט, מיין בית־המדרש, אַראָב'ן קאָפּ, ווי אַ בעטלער און וויסט, ווי דו, שטעה איך אויף דיין שוועל; צי זאָל איך וויינען אויף דיין חורבן, אָדער אויף מייגעם, אָדער אפשר גאָר זאָל איך אויף ביידע וויינען, קלאָגען?"...

וְשֵׁנִית, בֵּית־מִדְרָשִׁי, כְּפוּף רֹאשׁ כֶּעָנִי
וּמַשְׁמִים כָּמוֹךָ עַל סִפְּךָ אֶעֱמֹדָה;
הַאֶבְךְּ לְחָרְבָּנְךָ, אִם אֵבְךְּ לְחָרְבָּנִי —
וְאִם לִשְׁנֵיהֶם יַחְדָּו אֵבְךְּ וְאֶסְפֹּדָה?

(„על סף בית המדרש").

און וואָס מעהר דער דיכטער קוקט זיך צו צום גייסטיגען חורבן פינ'ס פאָלק, אַלץ ביטערער, בלוטיגער ווערט זיין טרויער, עס נעהמט איהם צו דאָס געזונט, דאָס לעבען.

אַרום זיך זעהט ער נור פערשטאָפּטע הערצער, פערשטאָפּטע אויערן, דער, וואָס איז שוין יאָ עפּיס, דער, וואָס וואָלט שוין יאָ געקאָנט ברייגגען אַ ביסעל ליכט און הילף דער מהנה, אַנטלויפט גאָר פון איהר אינגאַנצען ווייט, וויַט — און וויל זיך צומאָל נישט אויסגעבען... 1)

און זידלען ווילט זיך, און שילטען ווילט זיך, און עס פערפינסטערט דער

1) פערגלייך „לא תמה", „אבן גם זה מיבר אלהים".

דיכטער „זיין נבואה פון טאָג, און זיין חלום פון דער נאַכט" — (היא תַעֲבֹר חֲזוֹן יוֹמִי, הַחֲלוֹם עַל מִשְׁכָּבִי)—

לְבַדִּי, לְבַדִּי בְּגֵילוֹת אֲפֵלִים
כַּסֵּתֶר, בַּסֵּתֶר כָּאֲבִתִי, נוֹאָשְׁתִּי;
חָרַקְתִּי אֶת שִׁנַּי עַל לִבּוֹת עֲרֵלִים:
„עַם אֹבֵד, עַם נָבָל, עַם אֹבֵד..." לְהָשְׁתִּי.
וּבְהִמֵּק הַלֵּב וּלְהִתְאַפֵּק יָגַעְתִּי—
אָז תַּחַת יֶרֶק דָּם—זוֹ הַדִּמְעָה נִטְּפָה.

„אַליין, אַליין אין פינסטערע נעכט, בעהאַלטען, פערבאָרגען האָט מיין האַרץ אין צווייפעל געוועהטאָגט. כ'האָב געקריצט מיט די ציינער אויף די פער-שטאָפּטע הערצער: „אַנ'אומגליקליך, געמיין, פערלוירען פאָלק!" — האָבען מיינע ליפּען געשעפּטשעט. און אַז ס'האַרץ איז פון קרענקונג צורונען, איז אָנשטאָט שפּייען מיט בלוט — די טרעהר דאַן אַרונטערגערונען... מיין גאַנצען וועהטאָג האָב איך אין איהר אַריינגעשטאָפּט, אַריינגעפּאַקט. און מיט יעדען טראָפּען איז אַ שטיקעל נשמה אין מיר אָפּגעשטאָרבען און צום קבר האָב איך עס אויף אייביג, אויף אייביג אַוועקגעפיהרט" —

אֶת תַּמְצִית מַכְאוֹבַי בָּהּ שַׂמְתִּי, כְּרַכְתִּי
וּכְמוֹ עִם כָּל נֵטֶף מֵת חֵלֶק נִשְׁמָתִי
וַאֲבֵדָה עוֹלָמִית אֶל קֶבֶר הוֹלַכְתִּי.

(„לא תמח במררה")

בלוט פון האַרצען, שטיקער נשמה — אָט דאָס זענען די טרעהרען פון אונזער דיכטער!

און ווען אונזער דיכטער קלערט, ווי אַזוי זיין נשמה וועט איהם אויס-גיהן, איז ביי איהם אַ גרויסע סברא, אַז —

„אפשר וועט זי זיך אויסגיסען אין אַ פּערל-טרעהר"... 1)

1) „ב'ואָלט געוועזן אַ בעלן ווינען".

IV.

דער דיכטער וויינט און גיסט טרעהרען אויך אויף דעם שלעכטען מצב און טרויעריגען גורל פון זיין פאָלק, בעזונדערס אויף זיין אָבגעריסענקייט פון דער נאַטור, פון דער מוטער־ערד.

און, ווען געפייניגט, געמאַטערט, פערשעמט און דערשלאָגען, אַנטלויפט ער אין רוישענדען פעלד, און יער ווערט פון דער נאַטור אַזוי בעצויבערט, בערוישט, וואָס זוער ווייסט ציּ אַ מענש איז נאָך אַמאָל אַזוי געקומען דורך דער נאַטור אין אַזאַ עקסטאַז, — דערמאָהנט ער זיך אָן יודישען גורל און ער צעוויינט זיך: פאַרוואָס נור ער, דער יוד, נור דאָס פאָלק ישראל איז פון אָט דעם אַלעם אַזוי דערווייטערט, אָבגעריסען און פערפרעמדט — 1)

אֵצֵא לִי הַשָּׂדֶה וְאֶשְׁמַע מַה דִּבֶּר יְיָ מִן הַקָּמָה,
מָה לָּאַט הָרוּחַ מְמַשֵּׁק הַקָּנִים הַזְּקוּפִים׳ הַגֵּאִים...
אֶת פָּנַי בְּקַרְקַע אֶכְבֹּשָׁה; לָאָרֶץ הָרְטֻבָּה אֶפֹּלָה,
אֶשְׁאֲלָה אֶת פִּי הָאֲדָמָה וְאֵבְךְ הַרְבֵּה בֶּכֶה אֶל חֵיקָהּ:
הַגִּידִי לִי, אִמִּי אֲדָמָה, רְחָבָה, מְלֵאָה וּגְדוֹלָה,—
מַדּוּעַ לֹא תַחְלְצִי שַׁדֵּךְ גַּם לִי נֶפֶשׁ דַּלָּה שׁוֹקֵקָה?...

("בשדה")

„איך נעה אום אין פעלד און הער צו זיך,
וואָס נאָט רעדט צו מיר דורך די קאָרן,
וואָס כוד'עט דאָס ווינטעל, זים גלעטענד
די הויכע און שטאָלציגע ואַנגען?...
איך פאַל צו דער ערד, צו דער פייכטער
און נראָב־איין אין איהר מיין געזיכט טיעף,
איך וויין־אוים מיט ביטערע טרעהרען
דעם וועהטאָג דעם גרויסען פון האַרץ:
מאַמע־ערד! מיין געליעבטע, געבענשטע!
פאַרוואָס, זאָג, פערטייּלסטו פון מיר נור
דיין געטליכע הימלישע ברכה?"... 1)

---

1) „אין פעלד".

די מוזע לאָזט דאָ דעם דיכטער אויסוויינען זיך. עס זעהט דאָך איהם דאָ קיינער נישט, עס הערט דאָך איהם קיינער נישט. זיין געזיכט איז דאָך איינגע-גראָבען טיעף אין דער פייכטער ערד, און פערשטעלט איז ער דאָך דורך די זאנגען פון ארום... פארדאַן אָבער אַמאָל, ווען דער פערדרוס איז טויזענד מאָל גרעסער, ווי דער צער.

עס ווילט זיך וויינען, ס'זאָל אַ ביסעל גרינגער ווערען אויפ'ן הארצען, לייכטער ווערען אויף דער נשמה; דער פערדרוס, די רציחה פון דעם געשעהענעם איז אָבער אַזוי גרויס, אַז ס'איז אַ חילול, אַ פערשוועכונג, אַ פראָפאַנירונג פון דעם צער, ווען מען זאָל זיך ווען בעפרייען פון איהם, ווי לאַנג ס'איז קיין נקמה נישט גענומען געוואָרען.

אין דעם געשעהענעם זענען שולדיג אַלע: אַלע מענשען, די גאַנצע וועלט, די נאַטור, הימעל און ערד, זון און שטערען — אַזוי, אַז עס איז נישטאָ אַמאָל פאַר וועמען דאָס האַרץ אויסצוגיסען, פאַר וועמען זיך אויסצוויינען...

דער דיכטער מוז דאַן די טרערה אין זיך דערשטיקען, מיט כל הכחות איינהאַלטען זי אין זיך, ער מוז דיך אויך גובר-זיין מיט כל הכחות, חלילה קיין ברעכץ נישט צו געבען אין די אויערן פון די שולדיגע, אין די אויערן פון די פערברעכער. „און זיין געשריי איז דאַן — דאָס שווייגען! און נישטאָ קיין צער, ווי זיין שטומער טרויער, און נישטאָ קיין וועהטאָג, ווי זיין שטילער וועה".

וַתְּהִי שַׁאֲגָתוֹ דְּמָמָה — וְלֹא הָיָה יָגוֹן כִּיגוֹנוֹ הָאִלֵּם

וְצַעַר כְּצַעֲרוֹ הַחֵרֵשִׁי.

(„מגלת-האש")

און אַז די מוזע נעהמט דעם דיכטער און פירט איהם אין „שחיטה-שטאָדט", ער זאָל „מיט די אייגענע אויגען זעהן מעשיות, וואָס לעכערן דעם קאָפּ, פערברענען דעם מח און טויטען אויף אייביג דעם גייסט מיט דער נשמה", ער זאָל זיין „אויג אויף אויג מיט דעם צער און אָנזאַפּען אויף אייביג זיין נשמה מיט שטילע ברענענדיגע ליידען", ציטערט זי איבער'ן דיכטער, ער זאָל, חלילה, נישט אויסברעכען מיט אַ זיפץ, מיט אַ קרעכץ, און זי וואָרנט

... „פון שטאָהל און אייזען, קאַלט, און האַרט, און שטום,
שמיעד-אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענש — און קום!..."

„האַלט זיך איין, און דערשטיק אין דיין האַלז דעם געשריי — און איידער ער ווערט נאָך געבוירען בעגראָב איהם טיעף אין דיין האַרץ" —

וְהִתְאַפַּקְתָּ. וְחָנַקְתָּ בְּתוֹךְ גְּרוֹנְךָ אֶת הַשְּׁאָגָה
וּקְבַרְתָּהּ עָמֹק בִּלְבָבְךָ לִפְנֵי הִתְפָּרְצָהּ...

די מוזע פיהרט אַרום אומעטום דעם דיכטער; ער זעהט מעשים, איינע טרעקליכער פאַר דער צווייטער.

ער פערגעסט זיך אויף אַ ווײַלע, דער מענש אין איהם איז גובר אויף אַ רגע, ער קאָן נישט צוקוקען מעהר וואָס אַרום איהם טהוט זיך, און ער פער-שטעלט זיך דאָס פּנים מיט די הענד אין ברעכט-אויס מיט אַ געוויין...

די מוזע האַפּט זיך, ווי איינער, וואָס האָט אויף דער וואַך אַ דרימעל געטהון אויף אַ סעקונדע, זי דערזעהט דעם דיכטער וויינענדיג, אַזוי נישט אויפ'ן אָרט, און מיט כעס, צאָרן און פעראַכטונג רופט זי אויס צו איהם:

„וואָס וויינסטו, מענשען-קינד,
צו וואָס פערדעקסטו מיט די הענד דיין פּנים?! —
קריין שטאַרקער מיט די צייהן און פלאַץ פאַר ווערטאָג!" —
„וְלָמָּה תֵּבְךְּ, בֶּן־אָדָם, וְלָמָּה תָּלִיט
אֶת פָּנֶיךָ בְּכַפְּךָ? — חֲרֹק שִׁנַּיִם וְהִמָּס"

שרעקליך, שרעקליך איז דאָ די סיטואַציע...

נישטאָ מעהר קיין כח איינציהאַלטען דאָס געוויין — דאָס האַרץ פּלאַצט, עס קאָן מעהר שוין קיין שום כח נישט איינהאַלטען דעם ווילדען קרעכץ, דעם פער'כס'טען וועה-אויסגעשריי, מען טאָר אָבער בשום אופן נישט! חס וחלילה!...

נישט אָבער בלויז דער דיכטער געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע, דאָסועלבע איז אויך מיט דער שכינה, כביכול, אַליין — מיט דער מידער, טויט-מידער שוואַרצער שכינה:

„האַרץ-רבונו! וויינען וויל זי — און זי קאָן נישט,
האָביט אין געשריי טרון — און זי שווייגט...
שטיל וואַרגט זי זיך מיט איהרע טרעהרען,
פערשפּרייט די פליגעל איבער די כרובים,
בעהאַלט דעם קאָפּ אונטער די פליגעל,
פערשטעלט איהר איהרע טרעהרען,
און וויינט, און וויינט און זיך אָהן לשון"... 1)

1) די ענדע איז לויט'ן העברעאישען אָריגינאַל. פערגלייך מיט'ן פסוק

וּשְׁכִינָה שְׁחוֹרָה אַחַת עֲיֵפַת-צַעַר וִיגֵעַת-כֹּחַ
מִתְלַבֶּטֶת פֹּה בְּכָל זָוִית וְלֹא תִמְצָא לָהּ מָנוֹחַ,
רוֹצָה לִבְכּוֹת—וְאֵינָהּ יְכוֹלָה, חֲפֵצָה לִנְהוֹם—וְשׁוֹתֶקֶת
וְדוֹמָם תִּפֹּק בְּאֶבְלָהּ וּבַחֲשָׁאִי הִיא נֶחֱנֶקֶת,
פּוֹרֶשֶׂת כְּנָפֶיהָ עַל צִלְלֵי הַקְּדוֹשִׁים וְרֹאשָׁהּ תַּחַת כְּנָפָהּ,
מַאֲפִילָה עַל דִּמְעוֹתֶיהָ וּבִכְיָהּ בְּלִי שָׂפָה...

— — — — — — — — — — —

די מוזע איז פון איצט אָן שוין פאָרזיכטיג מיט'ן דיכטער, ער זאָל, חלילה, נישט ווייטער נכשל ווערן מיט אַ קרעכץ, מיט אַ טרעהר...

און אַז זי פיהרט איהם אויפ'ן בית-עולם, אויף די קברים פון די קדושים, זאָגט זי איהם אָן:

... „שטעה... און ווער פערשטיינערט!
דיין הארץ זאָל אויסגעהן, חלש'ן אַ טרעהר —
נאָך טרוקען, ווי אַ שטיין אין מדבר בלייבט דיין אויג;
און שרייען וועסטו וועלען, רייסען קברים,
און ברולען, ווי אַנ'אָקס, צום שחיטה-באַנק געבונדען —
גאָר שטום ווי די מצבות בלייבסטו שטעהן.
נעהם קוק זיי אָן, דאָ ווענען זיי, די קדושים,
דאָ ליעגען זיי געשחט'ענע, ווי קעלבער,
און האָסט פאַר זיי קיין טרעהר"...

. . . . וְהִשְׁלַטְתִּי עָלֶיךָ דְּמָמָה
וּלְבָבְךָ יִמַּק בְּךָ מֵעֹצֶר כְּאֵב וּכְלִמָּה —
וְעָצַרְתִּי אֶת עֵינֶיךָ וְלֹא תִהְיֶה דִמְעָה.

ירמי' י"ג, „במסתרים תבכה נפשי" און דער „אליהו רבא" פרק ל' שרייבט דערויף: „ומפנימה הוא בוכה עליהן בסתר? — לפי שהוא גנאי לארי שיהא בוכה לפני השועל וגנאי הוא למלך שיבכה לפני עבדיו..."

וְיָדַעְתָּ כִּי עֵת לִגְעוֹת הִיא כְּשׁוֹר עָקוּד עַל הַמַּעֲרָכָה—
וְהִקְשַׁחְתִּי אֶת לְבָבְךָ וְלֹא תָבֹא אֲנָחָה...

און דאָ קומען מיר צום שרעקליכסטען אָרט אין דער פּאָעמע, ווי כביכול אַליין קומט בעטען מחילה ביי די קדושים:

... „זייט מיר מוחל!
זייט מוחל אייער נאָט, איהר אייביגע פערשעמטע,
פאַר אייער ביטערן פינסטערן לעבען זייט מיר מוחל.
פאַר אייער צעהן מאָל ביטערן, פינסטערן טויט.

— — — — — — — —

און זעה, און ווינד און וועה איז אַלע וועלטען!
און לאָזען אַלע הימלען ברומען פאַר רחמנות! —
אַזעלכע קרבנות — און אומזיסטע!
אומזיסט אַזוי געלעבט, אַזוי געשטאָרבען,
נישט ווי־סענדיג צו וואָס, פאַר וואָס, פאַר ווען?"

אין יודישען איז ביאַליק גישט נענוג שטאַרק געווען, און נישט געקאָנט האַלטען זיך אויף דער הימעל־הויך פון זיין מעכטיגער העברעאישער מוזע, און ער שרייבט:

„און וואָלקען איינגעהילט איהר קאָפּ וועט אימביג
מיין אַלטע שכינה וויינען שטיל פאַר בושה,
און נאַכט אויף נאַכט וועל איך אַראָב פון הימעל
בעוויינען זיך אויף אייער קבר"...

די העברעאישע מוזע ביאַליק'ס שרייט אָבער: „און די שכינה וואָס זאָגט? די בעדאַלט איהר קאָפּ אין וואָלקען און פון גרויס וועהטאָג און שאַנד בעדאַלט און שעמט זי זיך... און נאַכט־ביי־נאַכט וועל אויך איך (נאָט!) אַראָב אויף די קברים, כ'וועל קוקען אויף די קדושים און שעמען זיך אין האַרצען, אָבער — ביי מיין לעבען, שווער איך, נאָט! נישט צו לאָזען קיין טרעהר!..."

וּשְׁכִינָה מָה אוֹמֶרֶת? — הִיא תִכְבֹּשׁ בֶּעָנָן רֹאשָׁהּ
וּמֵעֹצֶר כְּאֵב וּכְלִמָּה פּוֹרֶשֶׁת וָבוֹשָׁה...
וְגַם אֲנִי בַּלַּיְלָה בַּלַּיְלָה אֵרֵד עַל הַקְּבָרִים,

אֶעֱמֹד אַבִּיט אֶל הַחֲלָלִים וְאֵבוֹשׁ בַּמִּסְתָּרִים —
וְאוּלָם, חַי אֲנִי, נְאֻם ה׳, אִם אוֹרִיד דִּמְעָה.
(„בעיר ההרגה״)

יאָ! עס רײַסט זיך צום װײנען, די לעצטע צװאַנגס־מיטלען — זאָגאַר אַ שבועה — װערען אָנגענומען, דערצו ניט צו דערלאָזען, זיך גובר זײַן בכל מאמצי כח.

— — — — — — — — — — —

די מוזע פּרוּװט װײַטער דעם דיכטער אין שוהל, װאו דער עולם פּאַסט, איז מתפלל און „פערגיסט אַ ברענענדיגען ים פון טרערען... יללות, װילדע שרעקליכע יללות... אַ גרױל, אַ גרױל! אַ פּראַסט נעדהמט דורך דאָס לײַב!...״
די מוזע זאָגט צו איהם אָבער דאַן:

„אַזױ קלאָגט נור אַ פאָלק, װאָס איז פערלױרען,
װאָס אַש און רױך איז זײַן נשמה, און אַ מדבר,
אַ װיסטער מדבר איז זײַן האַרץ געװאָרען;
קײן אײנציגע גרעזעל האַס, קײן קערענדעל נקמה!״...
און װען „אַלע װענד און זײַלען פון דעם הױז
מיט דיר אײנאײנעם װעלען ציטערן פאַר פּחד —
װעל איך אױף דיר אַנ׳אכזר זײַן, אַ גרױסער אַכזר —
מיט זיי װעסטו בײַ מיר ניט װײנען!
און הױבט זיך אױף אין דיר אַ ברױל און רײַסט זיך
דערשטיק איך איהם צװישען דײַנע צײן!
דו זאָלסט דאָס אומגליק ניט װי זיי פערשװעכען,
פערבלײַבען זאָל דאָס אומבעקלאָגט לדורות״ —
וְהִתְאַכְזַרְתִּי אֲנִי אֵלֶיךָ — וְלֹא תִגְעֶה אִתָּם בִּבְכִיָּה.
וְכִי תִפְרֹץ שַׁאֲגָתְךָ — אֲנִי בֵין שִׁנֶּיךָ אֲמִיתֶנָּה...
יְחַלְּלוּ לְבַדָּם צָרָתָם — וְאַתָּה אַל תְּחַלְּלֶנָּה...
תִּשָּׁאֵר הַצָּרָה לְדוֹרוֹת — צָרָה לֹא נִסְפָּדָה
וְדִמְעָתְךָ אַתָּה תֵאָצֵר דִּמְעָה בְּלִי שְׁפוּכָה...

דעם דיכטער׳ס האַרץ איז אָבער צו־אײַנג צו דערהאַלטען אין זיך דעם גאַנצען צער לענגער; די טרערן, דער זיפץ זוכען זיך אַן אױסגאַנג.

דאַן זאָגט צו איהם ענדליך די מוזע:

... „איצט גענוג, אַנטלויף, דו מענש,
אין וויסטען מדבר לויף — — — — — —
און לאָז דיין טרעהר אַראָבפאַלען אויף הייסע שטיינער
און דיין געשריי זאָל איינשלינגען דער שטורם" —
. . . קום בְּרַח הַמִּדְבָּרָה...
וְדִמְעָתְךָ הַגְּדוֹלָה הוֹרֵד שָׁם עַל קָדְקֹד הַסְּלָעִים
וְשַׁאֲגָתְךָ הַמָּרָה שַׁלַּח — וְתֹאבַד בִּסְעָרָה...



„גלויבט זיך מיר ווײַנען געשמאַקער פון האַרצען,
ציהט מיך, ווי חמאַרעס, צום ים, צו דעם שוואַרצען,
טיעפער צו אײַך, מײַנע עלענדע ברידער.
כ'וויים אויך: אַ טרעהר פון מײַן אײַגענער מאַמען
בויערט דעם תהום דאָרט אין אײַערע ים'ען,
בענקט אפשר שטילערהייד נאָך מײַנע ליעדער.
כ'וויים: איהר האָט טרעהרען נאָך נישט אויסגעהײַנטע,
צרות דערצעהלטע און נאָך מעהר געמײַנטע,
חאָם, חי פערשטיקטע, פערבאָרגענע קוואַלען,
לעבערן שטײַנער און רײַסען־אײַן קבריב"...
און עס ציהט איהם, דעם דיכטער, צום פאָלק, צו זײַנע ברידער, נאָט שיקט איהם צו זיי:

„ער האָט געזעהן: איהר פוילט און פאַלט,
איהר ווערט פון טאָג צו טאָג מעהר אַלט,
און אָבגעלאָזט האָט זיך די האַנד,
און אויסגעלאָזט האָט זיך די מאַכט –
און נאָט האָט זיך אָן אײַך דערמאַהנט
און ער האָט מיך צו אײַך געבראַכט"...
וואָס טהוט מען דאָ? ווי אַזוי העלפט מען דאָ? די גאַנצע וועלט איז פערדאָרבען, אומעטום ביזקייט און שלעכטס, אַלץ פעדדאָרבען און פערווינדיגט, ווי אַזוי רייניגט מען אָב די וועלט פונ'ם שלעכטס?
און דער דיכטער גלויבט, אַז דאָ קאָן קיינער נישט העלפען, נור די טרעהר און דער קרעכץ, נור זיי זענען אימשטאַנד מבער צו זײַן דאָס שלעכטע, און ער הערט, ווי נאָט זאָגט צו איהם:

„געה רײַס פון זייער האַרץ „אַנ'„אויו!"
נשום־אוים פון זייער אויג אַ טרעהרן

אוּן שווער זאָל זיין די טרעהר, אוּן ביטער,
אוּן הויך זאָל זיין דער לעצטער קרעכץ,
אַזוֹי – די ערד זאָל טהוּן אַ ציטער
אוּן אָבטרייבלען פוּן זיך דאָס שלעכטס".

דער דיכטער פאָלגט אוּן געהט, ער איז בטוּח, אַז זיין שליחוּת ווערט היך איהם איינגעבען אוּן ער וועט אַרויסבעקוּמען די געווינשטע טרערה.
מיר האָבען שוין געזעהן, אַז ער גלויבט, אַז דאָס פאָלק האָט נאָך טרעהרען גישט-אויסגעווייגטע, די אמת'ע קרעפטיגע טרעהרען, דעריבער זאָגט ער טאַקע:

„איך האָב געהערט: עס איז איינך שווער;
איך האָב געמיינט: איהר פיהלט אוּן ווייסט
אוּן וואַרגט זיך שטיל מיט איינער טרערה,
אוּן זוכט אַ הילף אוּן בעט אַ טרייסט"...

די ווירקליכקייט איז אָבער גאַנץ ווייט פוּן צוּ זיין לויט די פאַנטאַזיעס פוּנ'ם דיכטער!
ער קוּמט צוּם פאָלק אוּן איהם בעגעגענט „שפּאָט אוּן שאַנד"; זיינע רייד פערטראָגט דער ווינד, קיינער הערט איהם נישט, קיינער פערשטעהט איהם נישט –

„אוּן אָבנעשטויסען איז גאָט'ס האַנד,
אוּן גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט!"...

דער דיכטער טרעט אָבער פאָרט נאָך נישט צוּריק, ער ווערט נאָך נישט פערצווייפעלט אינגאַנצען, ער נעהמט-אָן פערשידענע מיטלען, כּדי צוּ ווירקען אויפ'ן פאָלק, צוּ דערגרייכען צוּ זיין האַרץ אוּן צוּ צוּטרייסלען זיין נשמה.

ער דערמאָהנט זיך, אַז זענענדיג „אין דער שחיטה-שטאָדט", ווען די מוּזע האָט איהם נישט געלאָזט זיך אויסוויינען, האָט זי האַן צוּ איהם געזאָגט:

„אוּן דיין נישט-אויסגעוויינטע טרערה בעגראָב אוּן זיך,
אין האַרצען טיעף פערמויער זי, בוי-אויס דאָרט
פוּן האַס, פוּן גרימצאָרן אוּן גאַל פאַר איהר אַ פעסטוּנג,
אוּן לאָז זי וואַקסען דאָרט, אַ שלאַנג אין נעסט,
אוּן זויגען זאָלט איהר איינער פוּן דעם צווייטען,
אוּן תּמיד בלייבען הוּנגעריג אוּן דאָרשטיג!
אוּן װען אַ בייזער יום-הדין וועט קוּמען –

צוּבּרעך דײַן האַרץ, בּעפרײַ דיִ בּײזע שלאַנג,
אוּן לאָז זיִ אָב ווִי אַ פערִ׳סמ׳טע פײַל,
טױט־הוּנגעריִג מיִט בּרענענדיִגען גיִפט,
איִן מיִטען הארצען פוּן דײַן אײגען פאָלק״...

איִצט, איִן אַזאַ פעראַנטוואָרטליִכען מאָמענט, דערמאָהנט זיִך דער דיִכטער איִן דיִ דאָזיִגע — פאַר איִהם אַזוֹי וויִכטיִגע — רייד פוּן זײַן מוּזע, אוּן ער גלוֹיבּט, אַז איִצט איִז עס געקוּמען דער דאָזיִגער יוֹם־הדין — אם לא עכשו אימתי?! — אוּן ער טהוּט, ווִי דיִ מוּזע האָט איִהם דאַן געהײסען:

„האָבּ איִך אַרוֹיסגעלאָזט אַ קוֹל —
האָט דאָס געטראָפען ווִי אַ קױל
אוּן ווִי אַ דוּנער דוּרכגעלאָפען
איִן מיִטען שׂנָעם, העלען טאָג
אוּן גלײַך איִן האַרצען אײַך געטראָפען״...

— — — — — — — — — — —

דאָסמאָל האָט זיִך דער דיִכטער ניִשט גענאַרט: דאָס מיִטעל האָט געוויִרקט —

„אוּן אוֹיסגעבּראָכען האָט דיִ קלאָג!
אוּן אוֹיסגעשאָסען האָט דיִ טרעהר!״...

דער דיִכטער איִז אָבּער דער גרוֹיסער, גרוֹיסער מבין אוֹיף טרעהרען! ער קוּקט זיִך צוּ — אָ, נײן! ניִשט דאָס איִז דיִ אמת׳ע געווִינשטע טרעהר!...
ער רײַסט זיִך דיִ האָהר פוּן קאָפּ —

„וועה מיִר! פאַלש איִז אײַער געוויין!
ניִשט קײנער, קײנער גלוֹיבּט איִהם מעהר,
ניִשט גאָט, ניִשט איִך, ניִשט איִהר אַליין!״... 1)

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

אוּן אפשר, טראַכט זיִך אַמאָל דער דיִכטער, איִז גאָר קײן וואוּנדער ניִשט, וואָס דיִ טרעהרען זענען אַזוֹי וואַסעריִג, דאָס פאָלק האָט זיִך איִבּערצײַגט, אַז: „עס וועט ניִשט געהאָלפען ווערען מיִט געוויין, מיִט טרעהרען, ניִשט דוּרך זײ וועט זײַן ווײַטער אוֹיפהערען; דער נאַד־של־דמעות איִז שוֹין פוּל, דיִ אוֹיגען

1) „דאָס לעצטע וואָרט״.

זענען שוין לאַנג פון געווען פערלאָשען, און נאָך איז די הילף נישט נע-קומען" —

לא בכי ודמעות לי גהה ייטיבו,
לא אלה ירפאו מכתי;
כבר עיני עששו, מלאתי נאד דמעות,
כבר הכתה כעשב לבתי;
כבר כלו הדמעות, כבר כלו הקצים —
ולא הקיץ הקץ על יגוני...
(„אל הצפור")

„געווען, אמת, אַ צייט, ווען מען האָט געגלויבט און געהאָפט אין די כח פון די טרעהרען, מען האָט געווייִנט, געבעטען מיט'ן גאַנצען האַרצען...
„לפנים אהבתי צרותי...
קראתי לדמעות, קדשתי יום צום —

„נישטאָ שוין אָבער יענע טרעהרען, נישטאָ שוין יענס געוויין! מ'ווייִנט נאָך, — אויב ס'טהוט וועה, שרעקליך, געפעהרליך וועה! די טרעהרען קומען אָבער פון אַ קאַלט האַרץ, מען ווייִסט, זיי זענען נישט מעהר ווי אַ רעגען אין אַ וויסטען מדבר!" —

גם בכיי לא הוא, גם תחנוני לא הם —
אתחנן ואבך — כי מכתי אנושה.
אתחנן כנואש ואבך מלב קר,
אאנח מלב מלא אפר ובשת;
ואבך — אף אם אדע כי דמעי כמטר
שמי ברזל בציות על ארץ נחשת.

(„אגרת קטנה")

פערלוירען דעם גלויבען, די האָפנונג אין דער טרעהר האָט אָבער נאָך דאָס פאָלק, דער המון. דעם דיכטער איז זי ווערטה טייער און הייליג. ער גלויבט, אַז גאַנץ מעגליך, אַז נור אַדאַנק זיהר האָט זיך דאָס פאָלק דערהאַלטען עד היום: „ווער ווייִסט, אויב נישט, די טייכען טרעהרען פון

אמוזערע אבות האָבען אונז דערהאַלטען און געטראָגען ביז היינט און ביז אַהער.
און נור זייער תפלה האָט אונז ביי גאָט אויסגעבעטען" —

וּמִי יוֹדֵעַ אִם לֹא נַחֲלֵי דִמְעוֹתֵיהֶם
הֶעֱבִירוּנוּ וַיְבִיאוּנוּ עַד הֲלֹם
וּבִתְפִלָּתָם מֵאֵת ה' שְׁאָלוּנוּ...

(„אם יש את נפשך לדעת")

דער דיכטער איז אויך בטוח, אַז קיין איין טרעהר איז נישט פערפאַלען געוואָרען; ער גלויבט, אַז „געפונען האָט זיך אַ רחמנות'דיגע מוטער, אַן אַלטע, אַ ליעבע, אַ טרייע, וואָס האָט מיט גרויס רחמנות געזאַמעלט די טרעהרען פון איהר אומגליקליך קינד" —

...„אֵם רַחֲמָנִיָּה·
אֵם זְקֵנָה· אֹהֶבֶת, נֶאֱמָנָה,
שֶׁבְּרַחֲמִים רַבִּים אָסְפָה דִמְעוֹת בְּנָהּ הָאֹבֵד"

(דאָרט)

און מיט זיין גאַנצען האַרצען, מיט זיין גאַנצער נשמה רופט דער דיכטער אויס:

„גליקליך איז דער און געבענשט זאָל דער ווערען,
וואָס וועט פעראייביגען אייערע טרעהרען,
הייליגע, צוויי-טויזענד-יעהריגע טרעהרען!" 1)

— — — — — — — — — — —

נאָר בעזונדערס איז הייליג און טייער ביים דיכטער די טרעהר פון שמחה און האָפנונג, אָדער אפילו נאָר די טרעהר פון עגמת-נפש, וואָס וועט פערגאָסען פון פאָלק ביי דער אַרבייט פון ווידער-אויפבויען דאָס לאַנד, בעפרייאונג און אויפלעבונג פון פאָלק.

און אַז ער רעדט צו די ערשטע יודען, וואָס האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו בעלעבען דאָס לאַנד און אויפפרישען די ארץ-ישראל-ערד מיט טרעהרען פון די אויגען און שווייס פון'ם פנים, זאָגט ער צו זיי: „מיר ליעבען און צעהלען

1) „גלוקבט זיך מיר ווינען".

אין לאָגעל אַריין יעדע טרעהר און יעדען טראָפּען שווייס, וואָס פאַלען, ווי טוי, אויף ישראל, און פרישען אהם, דעם מסוכנ'דיגען, אויף, און אויף עולם־עד ווערט געהייליגט געווערען יעדע טרעהר, וואָס איז געפאַלען אין אונטער ים טרעהרען, אַ נדבה פאַר'ן פאָלק!" —

הֵן סוֹפְרִים אֲנַחְנוּ אֶת נוֹדְכֶם וְחוֹבְבִים
נִטְפֵי הַדְּמָעוֹת וְזֵעַת הָאַף,
הַיּוֹרְדִים כַּטַּל לְיִשְׂרָאֵל וּמְשׁוֹבְבִים
נַפְשׁוֹ הַנִּלְאָה הַשּׁוֹמְמָה בַּכַּף.
וּלְעוֹלְמֵי עַד תְּקֻדַּשׁ כָּל דִּמְעָה שֶׁצָּלְלָה
בְּיַם דִּמְעָתֵנוּ, נְדָבָה לָעָם...

(„ברכת עם")

דער דיכטער ווייסט גאַנץ גוט, אַז ס'איז דאָ יודישע טרעהרען אַ ים, דאָך איז ער בטוח, אַז קיין איינציגער טראָפּען, קיין איין טפה וועט דאָרט נישט פערלוירען געהן, און קיין איינע וועט דאָרט איהר ווערטה און הייליגקייט נישט פערליערען.

= = = = = = = = = =

אויך ווען דער דיכטער זעהט, ווי עס קומען זיך צוזאַמען אפ'ן באַזעל'ער קאָנגרעס יודען מארבע כנפות הארץ איבערצושמועסען וועגען די יודישע צרות און קלערען וועגען דער יודישער צוקונפט און דער צוקונפט פון יודישען לאַנד, גלויבט ער דאַן, אַז איצט איז — „געשעהן דאָס גרויסאַרטיגסטע: עס האָט אויסגעבראָכען פון איהר קוואַל די יעהרליבע, גרויסע, קלאָרע, וואַרימע, זיסע טרעהר, אויף וועלכע מיר האָבען געהאָפט ביז אַהער... זאָלען־זשע דינען בייזאַמד אַלע טרעהרען פון פאָלק, זאָלען זיי קומען אין איין קרוג פון גאַנצע עקען וועלט!" —

וְהִנֵּה נִהְיְתָה הַמַּרְאָה הַגְּדוֹלָה
וַתִּפְרֹץ מִמְּקוֹרָהּ הַנֶּאֱמָן הַדִּמְעָה
הַגְּדוֹלָה, הַנְּעִימָה, הַבְּהִירָה, הַחַמָּה,
אֵלֶיךָ נִתְפַּלֵּל זֶה כַּמָּה...

תֵּרַדְנָה נָא יַחְדָּו גַּם דִּמְעוֹת עַמֵּנוּ,
תָּבֹאנָה נֹאד אֶחָד מִתְּפוּצוֹת הַגּוֹלָה...
(„מקראי ציון")

וועה איז אָבער דעם דיכטער, ווען ער זעהט די שמחה, מיט וועלכער דאָס פאָלק ווארפט זיך גאַנץ אָפט צו כל המינים פרעמדע אַרבייטען, וואָס האָבען צום פאָלק קיין שום שייכות ניט; ווען ער זעהט די האָפנונגען, וואָס מען לעגט אויף פערשידענע פרעמדע, פאַרביינעהענדע אידעאַלען, בעוועגונגען און טעאָריעס.

בעזונדערס קרענקט איהם, ווען מען פראָפּאַגירט, מען איז מחלל די היילינע פאָלקס-כּרעהרען און מען גיט זיי אַוועק אויף פרעמדע אידעאַלען, ווייטע אידעען...

און מיט אַ בלוטיג האַרץ און אַ געקרענקטער נשמה רופט דער דיכטער אויס: „אַ שטראָף פון גאָט און אַ גרויס אומגליק איז דאָס, וואָס איהר פערלייקענט אייך צו אייער אייגען האַרץ, און צו אַלע וואַסערן גיסט איהר צו אייער היילינע טרעהר און איהר ציהט זי אויף אויף אַ ליאַדע פאָדים פון אַ פאַלשען שטראַהל... און אַז עס וואַקסט-אויס ביי אייך מיט פליגעל אַ נאָדלער, שיקט איהר איהם אויף אייביג ווייט אַוועק פון נעסט" —

אָכֵן גַּם זֶה מוּסַר-אֱלֹהִים וְתוֹכֵחָה רַבָּה —
אֲשֶׁר הִתְכַּחֲשׁוּ לִלְבַבְכֶם;
זְרַעְתֶּם עַל כָּל-מַיִם אֶת דִּמְעַתְכֶם הַקְּדוֹשָׁה
וְעַל כָּל קַו אוֹר-רְמִיָּה תַּחֲרֹזוּהָ...
וַאֲשֶׁר יְגַדֵּל מִבְּנֵיכֶם נֶשֶׁר וְעָשָׂה כָנָף —
מִקִּנּוֹ תְּשַׁלְּחוּהוּ לָנֶצַח...

און דער דיכטער זעהט, אַז פאַר אַזאַ פערברעכען מוז קומען די האַרבסטע שטראָף, וואָס איז נור פאַראַן.

און ביאַליק נעפינט זי ווייטער ביי דער טרעהר:
וּבְקַשְׁתֶּם דִּמְעַת נִחוּמִים — וָאָיִן!
(„אכן גם זה")

„און איהר וועט זוכען אַ טרעהר פון טרייסט און וועט ניט געפינען"...

— — — — — — — — —

VI

דער דיכטער האָפּט און גלויבט, אַז זיינע טרערן, װאָס זענען אַזוי־ עהרליך, אָנגעזאַפּט מיט אַזוי פיעל צער, װעהטאָג און בלוט — דם התמצית, — קאָנען נישט גלאַט אין דער װעלט אַזוי פערלוירען געהן. לאַנג נאָך, גלויבט ער, מוזען זיינע זיפצען, זיינע טרעהרען בלייבען שװעבען אין חלל־ העולם, אין הערצער פון מענשען: מאָהנען, װעקען, רופען... — „מיין טרעהר, די שװערע, װעט אַזוי געשװינד נישט אָבגעמעקט װערען, די טרעהר, װאָס כ׳האָב פון די טיעפענישען פון מיין זעלע אַרויסבעקומען!" —

לֹא תִמַּח בִּמְהֵרָה דִּמְעָתִי הַכְּבֵדָה,
דִּמְעָתִי מִקַּרְקַע נִשְׁמָתִי שְׁאַבְתִּי...

(„לא תמח במהרה")

און װען דער דיכטער קלערט, אַז זיין נשמה װעט אויסגעהן אין אַ טרעהר, גלויבט ער, אַז זי

„װעט צוטערן, שימערירען
דורות־לאַנג נאָך מיר,
ערגיץ אין אַ פרעמדענס האַרצען,
אין אַ פרעמדער קרוין!" 1)

— — — — — — — — — — —

נאָנץ אָפּט קומט אָבער דער דיכטער אַריין אין גרויס פערצװייפלונג, זעהענדיג, װי װעניג ער האָט די װעלט געענדערט; זעהענדיג, װי אַלץ, אַלץ בלייבט װי געװען, אַלץ בלייבט, װי נעכטען, און ער קלאָגט זיך: „כ׳האָב פאַר׳ן חינם געװאָרפען מיין קרעכץ און מיין טרעהר, איז איז׳ם האַמר געגאַנגען, פערלוירען" —

זֵרִיתִי לָרוּחַ אַנְחָתִי
וַיִּרְוֶה הַחוֹל דִּמְעַת עֵינִי...

(„זריתי לרוח")

---

1) „בצוואָלט געװען אַ בעלן װיסען".

חיפיפיעל צער, וויפיעל לייהדען און צווייפעל שטעקט אין דער קינה פון דיכטער'ס נשמה: „ס'האט אראבגעטריפט די טרעהר און א ליכט-שטראהל האט זי נעשלאָגען; מיין האַרץ אָבער האָט אַ קעלט געשלאָגען: נאָך אַ ביסעל — און גישטאָ מיין טרעהר!... און אָרים, לעער וועל איך אַרומגעהן, און אַ שאָד אַ גרויסער: געפאַלען די טרעהר און צומאָל איין פערשטאָפּט האַרץ נישט מעלעכערט, קיין איין טראָפּען שלאָף צומאָל קיינעם נישט בערויבט" —

נָטֹף נָטְפָה הַדִּמְעָה — וַיִּפֹּל קַו אוֹר
וַיִּכְבֶּה...
צִנָּה הִכְּתָה לְבָבִי: עוֹד אַחַת מְעַט —
וְדִמְעָתִי אֵינֶנָּה...
וּבְחֹסֶר כֹּל אֵלֵךְ, וְצַר לִי מְאֹד:
הִיא דָּלָלָה —
וְאַף לֵב עָרֵל אֶחָד לֹא נָקְבָה, אַף לֹא
מִקְצַת שֵׁנָה גָּזָלָה...

(„נטף נטפה הדמעה")

דער וועהטאָג איז אַזוי גרויס, אַז דער דיכטער קומט אין יאוש, ער הויבט-אָן אויף אַ מינוט צו פערליערען דעם גלויבען אין זיינע טרעהרען און אין די פאָלקס-טרעהרען...

אַלטע, פערשימעלטע טרעהרען!... „איך ווייס, מיין געוויין איז אַ געוויין פון דער נאַכט-איילע צווישען חורבות, קיינעם קאָן עס נישט טרויעריג מאַכען, קיין איין האַרץ צוברעכען, מיין געוויין מיט מיין נאָס-טרעהרען וועגען נור אַ וואָלקען זאַלץ-וואַסער אין אַ וויסטע... דען טרעהרען פערעלטערטע פון צוויי-טויזענד-יעהריגען געוויין האָבען די קראַפט פערלוירען צו צעווייקען שטיינערנע הערצער. וואָס-ושע מאַכסטו זיך גאָך נאַריש, אומגליקליך האַרץ, טרייסט צו זוכען אין געוויין, און רוה — אין טרעהרען?" —

יָדַעְתִּי כִּי בִכְיִי — בִּכִי כוֹס בֵּין חֳרָבוֹת.
לֹא יַגֶּה אֲנָשִׁים, לֹא יְשַׁבֵּר הַלְּבָבוֹת;
כִּי בִכְיִי עִם מִטְרוֹת דִּמְעוֹתַי הַשְּׁפוּכִים

הֵם עָנָן בַּצִּיָּה עִם מַיִם מְלוּחִים;—
כִּי דְמָעוֹת שֶׁנּוּשְׁנוּ מִבְּכִי אַלְפֵי שָׁנִים—
סָר כֹּחָן מִמּוֹגֵג אֶת לְבוֹת אֲבָנִים,—
וְלָמָּה, לֵב אֻמְלָל, תְּבַקֵּשׁ לַהֶבֶל
מַרְגֹּעַ בַּבֶּכִי, נִחֻמִּים בָּאֵבֶל?...

(„הרהורי לילה״).

פערליערענדיג אָבער דעם גלויבען אין די טרערען, פערליערט אונזער דיכטער גלייכצייטיג דערמיט אויך אַלץ אין דער וועלט — דעם לעצטען שטיץ-פונקט פאַר זיין ליידענדע האַרץ, געקרענקטער זעעלע.

ער בלייבט מיעד, טויט-מיעד, עלענד, פערלאָזט, פערצווייפעלט. „די מיעדע אויגען האָבען מעהר קיין ווילען, קיין כח נישט צום וויינען, די טרעהר בלייבט פערגליווערט אין אויג״, און דער דיכטער בלייבט מאַכטלאָז, פער׳חלש׳ט...

— — — — — — — — — —

און דאָ קומט, גע׳טובל׳ט אין טוי, דעם דיכטער׳ס מוזע, זי בעשפריצט, בעקראָפּעט איהם מיט פרישען שמעקענדיגען טוי; די ווישט-אָב מיט ליעבשאַפט די פערגליווערטע טרעהרען פון זיין געזיכט...

ינ׳עק מיט די טרעהרען, אַ סוף, און גענוג!... זי מינטערט איהם אָב, דער דיכטער קומט צו זיך, ער וואַכט-אויף, ער דערקענט זיין מוזע, ער פיהלט דעם טוי אויף זיין האַרצען...

זאָלען שוין טאַקע די טרעהרען קיין ווערטה מעהר נישט האָבען? קאָנען זיי שוין טאַקע מעהר קיין נוצען נישט ברייינגען? איז דאָס טאַקע ווירקליך מעגליך? אָ, ניין! — בעשליסט דער דיכטער ענדליך פעסט, און מיט נייער ענערגיע און ענטשלאָסענקייט רופט ער בעפעהלענד אויס: „מוזע! נישט קיין טוי — אַ קריגעל טרעהרען ברייינג מיר! אַ קריגעל טרעהרען, מוזע! נאָר פרישע, נייע טרעהרען, וואָס צוטרייכלען הערצער, דערציטערן זעעלען. פליה, לויף צווישען אַלע חורבות צו דעם כותל מערבי, צו די קברים פון די אָבות, און מיטען פון די גלות-וועגען שטעל זיך, זאָל יעדער, לויט זיין לייד, אין מיין קריגעל

א נדבה 1) וואַרפען, און, פרישע און וואַרימע, נעהם און ניס זיי אויף מיין האַרפע, ניס די טרעהרען ביז דער לעצטער, און בערוהיגען וועל איך זיך דאַן!" —

אָז תַּעַל כָּאוּר טְבוּלַת טַל בַּת-שִׁירָתִי

בִּשְׁנֵי אֶבְרוֹתֶיהָ תַּז טַל עַל לִבָּתִי

וּמֵהֶרֶגָה הַדִּמְעָה שֶׁקָּפְאָה בְעֵינַי—

אַל טַל, בַּת-שִׁירָתִי! נאֹד דְּמָעוֹת לִי תְּנִי!

נאֹד דְּמָעוֹת, בַּת-שִׁירִי, נאֹד דְּמָעוֹת חֲדָשׁוֹת

מַרְגִּיזוֹת לְבָבוֹת, מַרְעִישׁוֹת נְפָשׁוֹת.

הִתְעוֹפְפִי, נוּדִי בֵּין עִיֵּי חֳרָבוֹת

אֶל כֹּתֶל מַעֲרָבִי, אֶל קִבְרוֹת הָאָבוֹת;

עַל-יַד הֶרֶךְ גּוֹלִים הִתְיַצְּבִי, עִמְדִי,—

אִישׁ אִישׁ לְפִי אֵידוֹ יִתְנַדֵּב אֶל נאֹדִי,

וּבְעוֹדֶן בְּהָמָן קְחִי, צְקִי אֶל כִּנּוֹרִי

הַדְּמָעוֹת עַד תֻּמָּן — וְנָח לִי מִמְּזוֹרִי!...

(„הרהורי לילה").

די אויסגעגאָסענע טרעהרען פוג'ס דיכטער האָבען נאָרנישט געמאַכט, נאָרנישט גע'פועל'ט, גאָרנישט אויסגעטהון, ס'איז דאָך אָבער נאָך נישט נאָך אַלעם, נישט אַלץ דאָס שוין דער דיכטער אַוועקגעגעבען — „אַ גרעסערע, אַ ביטערערע פון דער פערגאָסענער — אַ מעכטיגע טרעהר האָב איך אין מיין האַרצען בעהאַלטען" —

אַךְ מָרָה וּגְדוֹלָה מִזּוֹ הַנִּשְׁפָּכָה

עוֹד דִּמְעָה כַּבִּירָה בִּלְבָבִי נִצְפָּנָה,

שֶׁחֲדַל אָנֹכִי עָרוֹתָהּ...

(„לא תמח במהרה").

---

1) פערגלייך מיט די ווערטער פון „ברכת עם":

„כָּל דִּמְעָה שֶׁצָּלְלָה בְּיָם דִּמְעָתֵנוּ, נְדָבָה לָעָם".

ער גיסט די לעצטע טרעהר נישט אויס, ער בעהאַלט זי טיעף, טיעף אין האַרצען, דען גרויס איז די האָפנונג, וועלכע דער דיכטער לעגט אויף איהר: „איך האָב אַ קלאָרען טראָפּען פון מיינע טרעהרען נאָך בעהאַלטען, זאָל ער אַנטרינקען די לעצטע שפּראָצונג פון מיין האָפנונג!" —

עוֹד כִּי שְׁמוּרָה טִפָּה זַכָּה מִדִּמְעוֹתָי —
תַּשְׁקְ-נָא אֶת הַצִּיץ הָאַחֲרוֹן מִתִּקְוֹתָי.

(„כוכב נדח").

זאָל דער דיכטער די לעצטע טרעהר אַוועקגעבען, טריקענט-אָב דאָס לעצטע בלימעל פון זיינע חלומות, פון זיינע שטרעבונגען, נעהמט-אויס דער לעצטער פונק נוחם און תקוה אין איהם. 1)

חלילה אָבער דעם דיכטער פון צו זיין עגאָאיסטיש! אמת, אין דער טרעהר העגנט זיין גאַנצע אייגענע וועלט, די טרעהר דאַרף אָבער אויך דאָס פאָלק. וואָס טהוט מען דאָ? און דער דיכטער נעהמט און טיילט זיך מיט'ן פאָלק די לעצטע טרעהר:

„אַ העלפט אייך — און אַ העלפט מיין האַרצען" —
אֶמְצֶה דִמְעָה עוֹד אַחַת, מֶחֱצִיתָהּ לָכֶם
וּמֶחֱצִיתָהּ לִלְבָבִי... 2)

= = = = = = = = = =

און ווען דער דיכטער זעהט, אַז אויך מיט זיין לעצטער טרעהר האָט ער זיין אויפגאַבע נישט דערגרייכט און ערפילט, די אויפגאַבע, מיט וועלכער גאָט האָט איהם געשיקט אין „לעצטען וואָרט", אַרויסצובעקומען פון פאָלק'ס אויג אַ טרעהר, „אַז די ערד זאָל טהון אַ ציטער און אָבטרייסלען פון זיך דאָס שלעכטס" — גלויבט ער אָבער, אַז ווען איהם האָט זיך דאָס נישט איינגעגעבען.

---

1) זעה אויך „נטף נטפה הדמעה":
. . . עוֹד אַחַת מְעָט —
וְדִמְעָתִי אֵינֶנָּה...
וּבְחֹסֶר כֹּל אֵלֵךְ... וְאָנָה אוֹלִיךְ אֶת עֵינַי?...

---

2) דאָרט.

ווען ער האט דערצו נישט זוכה געווען, וועט דאס נאך אמאל פעד-
ווירקליכט ווערען דורך א צווייטען, א גרעסערן פון איהם, און ער זאגט: „פעסט גלויב איך, אז מיר וועלען נאך א נביא האבען, וואס וועט פאר דער גאנצער וועלט א טרעהר לאזען און דונערן מיט אנ׳אויסטערלישׁ קלאג-ליעד, אזוי אז דעם הימעל זאל ארומנעהמען א שוידער, און די מענשען — א גרויל!״ —

אַךְ מַאֲמִין אָנֹכִי, כִּי נָבִיא עוֹד נָקוּם,
שֶׁיּוֹרִיד לְעֵינֵי הָעוֹלָם עוֹד דִּמְעָה,
וְהִרְעִים עוֹד קִינָה לְהַרְגִּיז שְׁחָקִים
וְאָחַז כָּל בָּשָׂר פַּלָּצוּת לְשִׁמְעָהּ.

(„לא תמח במהרה״).

וואָס זאָגט די קריטיק?

ז. רייזען.

...די יונגע, אין כחות נאָך אַזוי אָרימע יודישע פּילאָלאָגיע האָט אין דעם יונגן מחבר... געוואונען אַ באַדייטנדיגע, איבערגעגעבענע און אָריגינעלע קראַפט.

דער מחבר פון דעם „וואונדער-אוצר" ווייזט ארויס ניט נאָר אַ גרויסע התמדה ביים זאמלען דעם רויען מאטעריאַל, נאָר אויך אַ זעלטען גרונדליכע און ברייטע באַהאַווענטקייט אין אַלע יודישע מנהגים, אין דעם גאַנצן אַלטן יודישן לעבענסשטייגער, אויף וויפיל ער שפּיגלט זיך אָפּ אין דער לעבעדיגער שפּראַך פון פאָלק. און אין אַנגעהער מיט זיין גרויס בקיאות אין דער העברעאישער-רבנישער ליטעראַטור פאַרמאָגט ער אַלע מעלות, וואָס פאָדערען זיך ביים דערקלערען און אויסטייטשן די טונקעלע רעדענסאַרטן פון דעם קאַפּריזן שפּילעוודיגן יודישן פאָלקלאָר...

עליזעס'ס אַרבייט איז נישט נאָר אַ גרויסע געווינס פאַר דער אויספאָרשונג פון דעם יודישען ווערטער און ווערטלעך-אוצר, נייערט אויך אַ ווילטיגער צושטייער צו דער יודישער עטנאָגראַפיע. דער מחבר פיהרט אונז אריין אין פאַרבאָרגענע ווינקלעך פון אַמאָליגען יודישען לעבענס-שטייגער...

עליזעט'ס אַרבייט איז אַן ערשטע אין איר מין אויפן געביט פון דער יודישער פאָלקלאָריסטיק.

א גענויע אָפּשאַצונג פון עליזעטס אַרבעט אין איר גאַנצן פאַרנעם וועט ערשט קענען געגעבען ווערען, ווען עס וועלן פאַרעפענטליכט זיין די איבריגע טיילן איהרע, אויף וואָס מיר וואַרטן מיט אומגעדולד.

(„דער טאָג" — ווילנא.)

י. מאַסטבוים.

...די אַרבייט האָט זעהר אַ גרויסע בעדייטונג פאַר די, וואָס װילען ערקענען דאָס כאַראַקטעריסטישע, וואָס דאָס פאָלקס-מויל האָט בעשאַפען...

דער אויטאָר ברענגט די שענסטע ציטאַטען פון דער יודישער ליטעראַטור און אַנדערע קוואַלען און פאַסט זיי אריין אין זיינע אייגענע ערקלערונגען אין אַ זעהר טרעפליכער פאָרם, דאָס בוך בעלאַנגט געוויס צו די שענסטע אַרבייטען פון יודישער פאָלקס-שאַפונג און וועט האָבען דעם פערדיענטען בייפאַל סיי אין דער היינזיכט פון שפּראַך-פאָרם, און סיי אין ליטעראַטקייט פון סטיל.

(„פּוילענס - קלאַנגען".)

ב. קאַרליניוס.

...דער „וואונדער אוצר פון דער יודישער שפּראַך" דערמאָנט אָן אַ בכבוד'יגען ספר, און דערציי טאַקי אַ ספר פון אַ תלמיד-חכם, פון וועלכען די לערנסט עפּעס, וועלכער מאַכט דיר עפּעס קלערער. „דער וואונדער אוצר" איז אַ נעוויסענהאַפטע, פלייסיגע און אַקאַדעמישע אַרבייט אויפ'ן געביעט פון דער יודישער שפּראַך—דעם שטאַרקסטען און שענסטען אויסדרוק פון יודישען געניוס. דאָס איז אַנ'אַרבייט פון יאָהרען-לאַנגען זאַמלען, צנ'צרבייט, וואָס פאָדערט אַ סך גייסט, אַ סך וויסען, אַ סך זאַך-

קענטעניש און—דאָס הילכינסטע! — אַ סך וואַרעמע אינערלעכע ל י ב ע צו די יודישע ווערטלעך, צו די דאָזיגע אַלטעגליכע, פּשוטע פונקען - שפּריצען פון דער יודישער חריפות, פון דער יודישער גאונות, פון דעם אייגענאַרטיגען יודישען גייסט. מאַנכע אַזעלכע יודישע ווערטלעך אי ב ע ר ר א ש ע ן דיך פּשוט. ווי פיל בילדליכקייט און תריפות וויפיל פקחות און ווי אָריגינעל און וויציג אין דער פאָרם!

ה' עלזעט האָט צוזאַמענגענומען אַ גרויסע טייל פון די פאָלקס - ווערטלעך, זיי געלייטערט, קלאַסיפיצירט און אין אַ פּאָפּולערער לייכטער פאָרם ע ר ק ל ע ר ט. זיין אַרבייט וועט אָהן שום ספק פערנעמען אַ בכבוד'יג אָרט אין אונזער פאָלקלאָר-ליטעראַטור. דו לייענסט מיט פערגעניגען די בלעטלעך, וואָס פיהרען דיך אַריין אין די בעהאַלטענסטע קעמערלעך פון דער פאָלקס-נשמה. די ווערטלעך אַליין, דער צוזאַמענשטעל, די ערקלערונגען, די אילוסטרירענדע ציטאַטען, דו זעהסט דאָ די אינטימע בעהאַלטענע פעדים, וואָס פערבינדען דאָס פאָלק מיט דער שאַפונג פון זיינע ליטעראַרישע קלאַסיקער. דו שפּירסט די שטילע פערליבטקייט, מיט וועלכער דער מחבר בעהאַנדעלט דאָס מאַטעריאַל, און ביזט איהם פאַר דעם אַלעם אמת דאַנקבאַר.

(„אילוסטרירטע וועלט")

„התקופה".

...בהמאסף („רשמות") בא מאמר גדול ורב ענין „מנהגים והויות" על המנהגים בחיי ישראל מאת „יהודה עלזעט". מתוך דברי המחבר נכר שהוא בקי גדול בכל חדרי התורה, ולפיכך שם לו לתעודה להתחקות אחרי שרשי המנהגים, לידתם והתהוותם. להפלת המנהגים, שיש להם איזה יסוד בחיינו, מן המנהגים האסופים, שנשתרשו בקרקע העברי על - ידי השפעה מן החוץ.

מתוך מאמרים כאלה אתה עומד על כמה חזיונות משונים בחיינו ומציץ לתוך מסתרי הנפש של המוני העם.

(חלק ג', עמוד 705)

LAZARUS BARTH.

...Jehuda Elset hat es unternommen, den Wunderschatz der jüdischen Sprache zu heben. Das Buch bringt ausserordentlich reiches und interessantes Material.

Die fleissige Arbeit ist der Aufgabe durchaus gerecht geworden. Mit Gründlichkeit ist aus den Schriften der jüdischen „Klassiker" Material zusammengetragen und kurz kritisch erläutert. Der Hauptreiz liegt in dem beigebrachten Volkshumor, aus dem alle Spielarten jüdischen Witzes bis zur schärfster Satire sprechen.

(„Die Jüdische Presse". 1920. № 16).